ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# צדקת הצדיקים

אידיש

**658**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

# צדקת הצדיקים

## און דיזען ספר ווערד ערצײלט זייער װוּנדערליכע מעשיות פון דיזע הײליגע צדיקים.

- א װוּנדערליכע מעשה פון הגאון ר' יעקב אורינשטיין זצ"ל.
- א װוּנדערליכע מעשה פון הגאון ר' שלום מבעלז.
- א מעשה נורא מהגאון רבינו ר' עקיבא איגר.
- א מעשה נורא מהגאון רבינו אליהו מגרידץ.
- א דערצײלונג מהגאון ר' העשיל מקראקא.
- א מעשה נורא פון ר' יואל בעל שם.
- א מעשה נורא פון המגיד מקאזניטץ
- א װוּנדערליכע מעשה פון רבין מטשערנאביל.
- א װוּנדערליכע מעשה פון ר' משה ליב מסאסוב:
- א װוּנדערליכע מעשה פון רבין מקאזיניץ.


ווארשא

שנת תרפ"ז לפ"ק

# צדקת הצדיקים

## אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון הַגָאון הַקָדוש ר׳ יַעֲקֹב אורינשטיין דער רַב פון לֶבוב דער מְחַבֵּר פון סֵפֶר יְשׁועות יַעֲקֹב.

עם איז אַמאָהל געווען אַ גזירה אַז מען האָט בעדאַרפט אָבצאָהלען פון די שבת ליכט. אין לעמבערג איז געוועזען דער ראש פון די משגיחים אַ גרויסער רשע און ער האָט שטאַרק מצער געוועזען די יודען. און ביי דעם גאון ישועות יעקב ז״ל איז געוועזען אַ שמש וואָס ער האָט אַכטונג גיגעבין אויף די עירובין. דער שמש איז געוועזען אַ ירא שמים און ער פלעגט אַלע דאָנערשטאָג נאָך צוועליף בייטאָג אַרום גיין און אַלע עקען פון דער שטאָדט אַכטונג געבען אויף די עירובין. ויהי היום דעם שמש איז געגאַנגען אונטער דער שטאָדט און זימער צייט אַכטונג געבען אויף די עירובין איז פינקט דער ראש המשגיחים ניזעסען אינטער דער שטאָדט שעפען פרישע לופט. ווי ער האָט געזעהן דעם שמש האָט ער איהם צו גערופען און ער האָט איהם גיפרעגט ווי פיעל ער וויל פאַר דער מצוה ער זאָל זי איהם פערקויפען און ער האָט איהם געזאָגט איך ווייס אַז די האָסט פיער טעכטער און די יונגסטע איז שוין עלטער פון צוואַנציג יאָהר איך וועל דיר געבין אויף חתונה הוצאות פאַר צוויי טעכטער וועגין און פערקויף מיר די מצוה דער שמש איז געשטאַנען און געקלערט וואָס ער זאָל איהם ענטפערין ער האָט זיך איבער געקלעהרט און ער האָט איהם גיענטפערט אַז אויף דער צווייטער וואָך וועט ער איהם געבין תשובה. דער ראש המשגיחים רעוויזאָר האָט איהם געזאָגט גאָר גידענק די זאָלסט מיר די צווייטע וואָך זאָגען תשובה די זאָלסט ויסען אַז איך רייד מיט דיר גאַנץ ערנסט און איך וועל דיר געבין ווי פיעל די וועסט מיר זאָגען אַז עס דאַרף דיך קאָסטען דיינע צווי טעכטער חתונה מאַכען אַזוי פיעל וועל איך דיר געבין. דער שמש

איז

# צדקת הצדיקים

איז געקומען צום רב און ער האָט איהם דערציילט די גאַנצע מעשה האָט איהם דער רב געענטפערט דעם צווייטען דאָנערשטאָג איידער די וועסט געהן אַכטונג טוהן אויף די עירובין זאָלסטו צו מיר אַריין קומען וועל איך דיר זאָגען וואָס זאָלסט טוהן:

דעם צווייטען דאָנערשטאָג איידער דער שמש איז געגאַנגען אַכטונג געבען אויף די עירובין איז ער אַריין געגאַנגען צום רב פרעגען וואָס ער זאָל ענטפערין דער רעוויזאָר. האָט איהם דער רב געזאָגט די זאָלסט איהם נישט פערקויפען די מצוה פאַר קיין שום געלד. אַ סימן וועסטו האָבען אַז די דאָרפסט איהם נישט פערקויפען די מצוה אַזוי ווי די וועסט איהם ענטפרין אַז די וועסט איהם נישט פערקויפען וועט ער שטאַרבען וכן הוה דער שמש איז געגאַנגען אינטער דער שטאָדט איז שוין דער רעוויזאָר געזעסען איז געוואַרט אויף איהם אַזוי ווי ער האָט איהם געענטפערט איז ער תיכף געשטאָרבען דער זכות פון רב זאָל אינץ ביי שטיין אמן:

# אַ קלוג משל מהרב הצדיק ר׳ שלום מבעלזא זצ״ל.

עס איז אַמאָהל אַריין געקומען אַ דאָרפסמאַן צום רביין מיט אַ קוויטעל. דער רבי האָט איהם אויס געפרעגט אויף זיין התנהגות און שבת און די פעלדער. דער דאָרפסמאַן האָט זיך מתנצל געוועזען פאַר דעם רביין אַז ער קען זיך ניט אָב היטען פון חילול שבת. דער רבי האָט איהם געשטראָפט און ער האָט איהם געזאָגט מוסר. און ער האָט איהם געלערענט ווי אַזוי ער זאָל האַלטען שבת. נאָך לאַנגע רייד האָט דער דאָרפסמאַן געענטפערט דעם רביין אַז ער וועט איהם פאָלגען נאָר באופן דער רבי זאָל איהם ערלויבען נאָך צו אַרבייטען און שבת ביז נאָך שניט. האָט איהם דער רבי דערציילט אַ מעשה. פאַרצייטינס בעת די פריצים האָבען געהאַט די ממשלה און יעדען פריץ פלעגט צו האַלטען ביי זיך אַ יוד אַ פאַכטשער. איין פריץ האָט געהאַט ביי זיך אַ פאַכטשער זייער אַ געטריי׳ען. אַמאָהל האָט דער פריץ געמאַכט אַ באַל און ער האָט פערבעטען צו זיך אַ סאַך פריצים און מיטען דער סעודה האָבען זיי אָהנגעהויבען צו שמיסען וועגן זייערע פאַכטשערים יעדען איינער האָט געזאָגט אַז זיין פאַכטשער איז איהם זייער געטריי. האָט זיך דער פריץ

אהנגערופען

אהנגערופען אז זיין פאכטשער איז איהם געטרייער פון אלע, האבען זיך די פריצים אהנגערופען אז אויב דער פריץ וועט הייסען זיין פאכטשער אז ער זאל זיך טויפען און ער וועט איהם פאלגען דאמאלסט וועלען זיי זעהן אז ער האט אמת געזאגט. דער פריץ האט געשיקט רופען זיין פאכטשער און ער האט איהם געזאגט אז ער זאל זיך טויפען, דער יוד האט געענפערט אז ער וועט פרעגין זיין ווייב דער יוד איז אהיים געגאנגען און איז תיכף צוריק געקומען און ער האט געענטפערט אז ער איז גרייט זיך צו טויפען. האט דער פריץ צו איהם געזאגט פון יעצט אהן וועסטו שוין ניט הייסען יעקב נאר יוואן. דער יוד איז אהיים געגאנגען און ער האט זיך געהאלטען אלעס געטויפטער. און עטליכע חדשים ארום האט דער פריץ געשיקט רופען דעם פאכטשער און ער האט איהם געזאגט. די קענסט יעצט צוריק געהן צו דיין דת די קענסט ווערען צוריק א יוד און די וועסט שוין צוריק הייסען יעקב. האט דער פאכטשער געענפערט אז ער דארף געהן אהיים זיך מייעץ מיט זיין ווייב צו ער זאל צוריק ווערען א יוד ער איז אהיים געגאנגען און האט דערציילט זיין ווייב אז דער פריץ ערלויבט איהם צו ווערען צוריק א יוד. האט איהם דאס ווייב געענפערט עס וואלט זייער גיט געוועזען מיר זאלען ווערין צוריק יודען. נאר ווייל עס איז דאך פאר פסח און מען דארף דאך האבען א סאך געלד אויף פסח ע״כ וואלט מיר גיפעלען די זאלסט בעטען דעם פריץ אז ער זאל אינז לאזען ווארטען ביז נאך פסח כדי מיר זאלען זיך ניט דארפען אהן מיטשען אויף יו״ט איבער דעם איז גלייכער אז מיר זאלען נאך בלייבען גוים ביז נאך פסח. דער דארפסמאן האט פאר שטאנען דאס נמשל און ער האט אויף זיך תיכף מקבל גיוועזן צו היטען שבת ער זאל ניט טוהן קיין מלאכה און שבת:

## א וואונדערליכע מעשה מהרב הצדיק ר׳ שלום זצ״ל מבעלז.

און א דארף לעבען הובניב האט געהאלטען א אשה א אלמנה איין ארענדע אמאהל איז געקומען אפרעמדער יוד צום פריץ און ער האט מוסיף געוועזען אויף דער ארענדע. און ער האט אויסגעדינגען די ארענדע די אלמנה

אלמנה האָט געדופען דעם יוד לדין דער יוד האָט אָבער נישט געוואָלט
קוממען לדין און ער האָט געוואָהנט און דער אַרענדע. במשך עטליכע וואָכען
צייט ער האָט געוואָהנט און דער אַרענדע האָט ער צוגעהויבען צו פאַרען
קיין בעלז צום רבי׳ן. די אַלמנה האָט געבעטען ביי דעם הובניבער רב אַז
ער זאָל איהר געבין אַ בריעף צום רבי׳ן אַז דער ארענדאר וויל נישט האַלטען
קיין דין תורה. דער רב האָט איהר געגעבען אַ בריעף צום רבי׳ן. די אלמנה
איז געפאָהרען צום רבי׳ן מיט דעם בריעף דער רבי האָט זי גאָר נישט
ביהערט זי האָט געוויינט פאַר דעם רבי׳ן דער רבי זאָל אויף איהר רחמנות
האָבען און ער זאָל זאָגען דעם נייעם אַרענדאַר אַז ער זאָל האַלטען א דין
תורה דער רבי האָט איהר גאָר נישט גיענטפערט. זי איז צוריק געפאָהרען צום
הובניביר רב און האָט איהם דערציילט אז דער רבי קוקט זיך גאָר נישט אום
אויף איהר און זי האָט איהם דערציילט אז דער נייער ארענדאר ברענגט
אלע מאָהל מתנות צום רבין און דאמאָלס ווען זי איז געוועזען און בעלז
האָט ער געברענגט א קויבער אייער און דער רבי האָט איהם שען אויף
גענומען דער רבי האָט איהם גאָר נישט איבער געפרעגט וועגען דעם האָט
איהר דער הובניבער רב גיענפערט ער ברענגט דעם רבי׳ן איין קויבער
אייער ברענג די צוויי קויבער אייער ווערט מען דיך געכער הערכען. דער
רב האָט אָבער באלד חרטה געהאט וואָס ער האָט גערעדט אזעלכע ווערטער
און שטאָדט האָט מען זיך דערוויסט פון די ווערטער וואָס דער רב האָט
געזאָגט און עס איז געוואָרען און שטאָדט א גרויסער רעש דער רב האָט
געזען אז ער האָט נישט קיין אנדערע עצה נאָר ער מוז פאָהרען מפייס זיין
דעם רבי׳ן און ער איז געפאָרען קיין בעלז און ער האָט געוויינט פאַר דעם
רבי׳ן ער זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט אַקעגען איהם גערעדט דער
רבי האָט איהם געטרייסט און ער האָט איהם געזאָגט אַז עס פערדריסט
איהם נישט וואָס ער האָט קעגען איהם גערעדט. און ער האָט איהם געזאָגט
עס איז דאָך דיר אוויבדער פאַר וואָס איך שווייג דעם נייעם אַרענדאַר
די זאָלסט וויסען אַז איך בין קיינעם נישט נושא פנים און בין ח״ו נישט
קיין חונף נאָר איך ווייס אַז דער נייער אַרענדאַר איז גערעכט די מעשה
איז אַזוי געוועזען דער נייער ארענדארס זיידע האָט אמאָהל געהאלטען
די ארענדע און דער אלמנה׳ס שווער האָט אויס געדינגען ביי איהם די
ארענדע און א צייט ארום איז די זאך פערגעסען געוואָרען ווייל דער אלטער
ארענדאר איז פון אָרימקייט אוועק פון דעם דאָרף און זייערע קינדער זענען
צו שפרייט געוואָרען אויף דער וועלט און דער אייבערשטער איז דאך אמסבב

כל הסבּיבוֹת האָט ער מסבב געווען אז זיין אייניקעל זאָל בּיי איהר אויס דינגען די ארענדע ווייל די ארענדע קומט איהם על פּי דין. און דער רבּי האָט געזאָגט צו דעם הובּניבּער רב איהר קענט חוקר ודורש זיין וועט איר אייך בּעצייגען אַז די זאַך איז אמת אַזוֹי ווי איך זאָג. דער רב האָט אָנגעהויבּען חוקר ודורש צו זיין האָט ער געפינען איין אַלטען ערל וואָס ער האָט נאָך געדענקט די מעשה. פון דאַנין זעהן מיר אַז מען דאַרף ניט מתרעם זיין אויף די רבּנים וואָס זיי זענען אַמאָהל נושא פּנים אַמענש וואָס ער פירהט זיך ניט כּהוגן ווייל דער רבּי ווייסט וואָס ער טוהט. זכות הצדיקים יגן עלינו ועל כּל ישראל אמן :

# אַ וואונדערליכע מַעֲשֶׂה פון רֶבִּי'ן מִלוּבְּלִין מִיט הָרַב הַצַדִיק ר' שָׁלוֹם מִבֶּעלְזָא זצ"ל.

דער רבּי ר' שלום בּעלזער ווען ער איז נאָך געוועזען אַ יונגער מאן איז ער אַמאָהל געפאָהרען קיין לובּלין צום רבּיין אויף ראש השנה אויף דעם וועג האָט ער געטראָפען אַ קראנקען און אַ לאָמען מענש געהן צו פוס און דער מענש האָט איהם געבּעטען אַז ער זאָל איהם אויף נעמען אויף דער פוהר. און ווייל עס איז ניט געוועזען קיין אָרט אויף דער פוהר פאר נאָך אַ מענש וועגען צו זיצען האָט ער דעם מענש אָבּגעזאָגט און איז אוועק געפאָהרען. האָט דער מענש צו איהם געזאָגט אויבּ איהר וועט מיך ניט אויף נעמען אויף דער פוהר בּין איך פערלאָהרען פון בּיידע וועלטען און ער האָט אָנגעהויבּען צו וויינען. ר' שלום האָט רחמנות בּעקומען אויף דעם מענש און ער האָט איהם אויף גענומען אויף דער פוהר. און ער האָט איהם גיפרעגט ער זאָל איהם זאָגען וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם וואָס ער האָט איהם געזאָגט אַז אויבּ ער וועט איהם ניט אויף נעמען איז ער פער לאָרען פון בּיידע וועלטין ? האָט דער מענש איהם דערציילט. איך בּין אַמאָהל געווען אַ גרויסער עושר און איך פלעג אַלע מאָהל צו פאָהרען קיין לובּלין צום רבּיין און איך פלעג איהם יעדען מאָהל בּרענגען אַ מתנה. אַמאָהל בּין איך געקומען קיין לובּלין און איך האָבּ איהם גיבּרענגט זייער אַ טייערע מתנה די מתנה איז דעם רבּיין זייער גיפעלין ער האָט זיך מיט דער מתנה

זייער

זייער שטארק געפרייט און ער האט מיך גיפרעגט וואס איך וויל פאר דער מתנה ? האב איך איהם גיענטפערט. עס פעהלט מיר ב״ה גאר ניט נאר איך וויל אז איך זאל זיין גלייך מיט איהם אין גן עדן. דער רבי האט מיר מבטיח גיזוועזען. אזוי ווי איך בין ארויס געגאנגען פון רביין האט דער רבי חרטה געהאט וואס ער האט מיר מבטיח גיוועזען איך זאל האבען גלייך מיט איהם גן עדן האט ער מיך אריין גערופען און ער האט צו מיר געזאגט זיי מיר מוחל אויף מיין הבטחה און איך וועל דיר געבען וואס די וועסט נאר פאר לאנגען. איך האב אבער בשום אופן ניט געוואלט מוחל זיין. האט זיך דער רבי מיט מיר אויסגענומען א תנאי און ער האט צו מיר געזאגט אויב די וועסט אויף יעדען ראש השנה קומען צו מיר די וועסט קיין איין ראש השנה ניט פערפעלען וועט מקוים ווערען מיין הבטחה. און אויב די וועסט פערפעהלען איין ראש השנה די וועסט צו מיר ניט קומען וועט מיין הבטחה ניט מקוים ווערען :

פון דאמאלס אהן האט מיין מזל אהנגעהויבען צו געהן אראב איך בין אזוי ארים געווארען ביז איך האב ניט געהאט אפילו אויף קיין ברויט פאר מיינע קינדער וועגען איך האב געמוזט געהן און די הייזער. דאך האי איך געטוהן מיינס אויף יעדען ראש השנה בין איך געגאנגען קיין לובלין צום רביין. איך בין אבער קראנק געווארען און מיינע פיס זענען מיר אב געשוואכט געווארען אז איך האב ניט גיקענט געהן אויף מיינע פיס. דאך האב איך גאר ניט געקוקט און איך בין נאך אלץ געפאהרען אויף ראש השנה קיין לובלין. נאר יעצט בין איך שלאף גיוועזען און איך בין עטליכע חדשים גילעגען אין בעט עס איז מיר בעסער געווארען האב איך געמוזט ארוס פאהרען אויף דער וועלט זיכען ברויט פאר מיינע קינדער וועגען. און מיטען וועג האב איך זיך דערמאנט אז איך דארף זיין אויף ראש השנה אין לובלין און די טעג רוקען זיך שוין צו און איך האב ניט געהאט קיין געלד אויף די הוצאות איך זאל פאהרען. און אזוי ווי איהר זעהט דאך אז איך בין א בעל יסורים האב איך זיך געשטארקט מיט מיינע אלע כוחות און איך האב זיך געלאזט געהן צו פיס קיין לובלין. איך געה אזוי א לאנגע צייט ביי טאג און ביינאכט און איך וואלט דאך ניט גיקענט אהנקומען אויף ראש השנה קיין לובלין וואלט איך דאך גיוועזען פערלאהרען פון ביידע וועלטען פון דער וועלט און איך בין דאך א ארימאן און מדוכא ביסורים. און אויף יענער וועלט וואלט איך אויך ניט גיוועזען געהאט דאס גן עדן גלייך מיט דעם רביין און דער האט אהנגעהויבען צו וויינען. האט ר׳ שלום געזאגט איך וועל דיר א טובת

כוּט

טוחן בײַ דעם רבי'ן זײַ זענען אהײַן געקומען קײַן לובלין. ווי זײַ זענען אַרײַן געקומען צום רבי'ן האָט דער רבי געזאָגט צו דעם מענש די בײסט דאָ! איך האָב זיך שוין ניט גירעכט איך זאָל דיך זעהן אויף דעם ראש השנה. האָט הרב הקדוש מבעלז געזאָגט צום רבי'ן האָט רחמנות אויף דעם מענש וואָס ער האָט זיך מוסר נפש גיוועזען פאַר עולם הבא. דער רבי האָט איהם צו געזאָגט אַז ער וועט זײַן בקשה ממלא זײַן. און תיכף נאָך ראש השנה איז דער מענש נפטר געוואָרען און דער רבי מלובלין האָט זיך אַלײַן מיט איהם מתעסק גיוועזען און ער האָט איהם קובר גיוועזען זכות הצדיקים יעמד לנו אמן:

# אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה מֵהַצַּדִיק הַגָאוֹן הַמְפוּרְסָם רַבֵּינוּ עֲקִיבָא אֵיגֶר זצללה״ה מִפּוֹזְנָא.

הַגָאוֹן רבינו יעקב מליסא האָט דערצײַלט אַז בעת די מענשען פון דער שטאָדט פרידלאַנד האָבען געזאָלט נעמען אַ רב. האָבען זײַ געהאַט אַ קלער אויף אײַנעם פון די דרײַ רבנים דער גאון ר׳ עקיבא איגר און דער גאון בעל שמן רוקח און דער גאון מליסא זײַ האָבען געהאַט צווישען זיך אַ סיכסוך בײַז זײַ האָבען אַלע מסכים געוועזען צו נעמען דעם גאון רבינו עקיבא איגר. זײַ האָבען איבער געגעבען דעם גאון רבינו עקיבא דאָס כתב רבנות. דער גאון רבינו עקיבא איגר האָט געבעטען דעם גאון ר׳ יעקב מליסא אַז ער זאָל מיט איהם מיט פאָהרען. עס איז אַפילו שווער געוועזען פאַר דעם גאון מליסא צו פאָהרען ווײַל די שטאָדט פרידלאַנד איז געוועזען זײַער ווײַט דאָך האָט ער איהם ניט געקענט אָב זאָגען. און ער איז מיט איהם מיט געפאָהרען ווי זײַ זענען אַרײַן געקומען קײַן פרידלאַנד איז זײַ די גאַנצע שטאָדט אַקעגען געגאַנגען מען האָט זײַ גרויס כבוד אָב געגעבען. און דער זײַט איז געשטאַנען די מענשען און זײַ האָבען געשפעט פון דעם כבוד וואָס מען האָט זײַ אָב געגעבען און זײַ האָבען געזאָגט אַ זעלכע צווײַ מבוזה'דיגע מענשען גוט מען אָב אַזאַ כבוד? עס האָט יעדען אײַנעם פערדראָסען אויף זײַ. היתכן אַזעלכע צווײַ גאונים זאָל מען אַזוי מבזה זײַן. און דער גאון מליסא האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט צום גאון

רבינו

רבינו עקיבא איגר יעצט איז ניט קיין צייט פון שווייגען אז מען איז אזוי מבזה דעם כבוד התורה. דער כבוד התורה זאל אזוי זיין בשפל המצב. האט זיך דער גאון רבינו עקיבא איגר געגעבען אדריי אויס און ער האט געגעבען א קוק אויף איינעם פון די צוויי מענשען איז ער אנידער געפאלען אויף דער ערד און איז געשטארבען און דער צווייטער ווי ער האט דאס דערזעהן איז ער אנטלאפען געווארען. פון דאנען זעהן מיר ווי גרויס עס איז דער כח התורה. אין אזוי ווי אינזערע חכמים האבען אינז מזהיר געווען „הוי זהיר בגחלתן" איהר זאלט זיין געווארינט איהר זאלט נישט טשעפען קיין תלמיד חכם איהר זאלט אייך ח"ו ניט אפברען

# א ווינדערליכע מעשה מהצדיק הקדוש המקובל רבינו אליהו זצלל"ה מגרידץ וואס כל ימיו איז ער גיוועזען פערבארגען ובסוף ימיו איז ער נתגלה געווארען.

דער צדיק רבינו אליהו זצ"ל האט מען גיברענגט א יונגעל וואס ער האט ניט גיקענט געהן נאר דער פאטער האט איהם געמוזט טראגען. דער בחור איז גיוועזען גראב חוץ לדרך הטבע און ער האט ניט גיקענט ריידען דער רבי האט איהם געהייסען אנידער לייגען אויף דער ערד. דער פאטער האט איהם אראב געלאזט פון דער זאקסעל איז ער אראב געפאלען אויף דער ערד אזוי ווי א מת. דער רבי האט גערופען צו זיך די צוויי דיינים און זיי זענען צו געגאנגען אהנקוקען דאס קינד זיי האבען זיך שטארק פערווינדערט אויף דעם קינד ער האט אמאהל געשריגען אזוי ווי א הינד און אמאהל אזוי ווי א קאלב. דער רבי האט געהייסען אז מען זאל דאס יונגעל אנידער זעצין אויף א שטיהל לעבען זיך און דער רבי האט אויף איהם ארויף געלייגט זיין האנד און ער האט געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהלים מיט גרויס כוונה אזוי האט ער געטוהן צוויי מאהל און טאג. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען עס האט אזוי געדויערט עטליכע טאג און מען האט גאר ניט גיזעהן קיין בעסערונג:

אמאהל איז דער רבי געקומען פון א פדיון הבן האט ער געזאגט יעצט איז די צייט איך זאל דעם יונגעל אויסלייזען פון זיינע צרות.

און

און ער האט געהייסען אריין ברענגען צו זיך דאס יונגעל און ער האט געזאגט עטליכע פסוקים תהלים מיט גרויס כונה. פלוצלונג האט דאס יונגעל גיגעבין א געשריי אז אלע מענשין וואס זענען גיוועזען און שטיב האבען זיך דערשראקען און ער האט גיוויזען מיט זיין פינגער אויף איין ארט פון זיין בויך. דער רבי האט געהייסען עפינען א פענסטער. און דאס יונגעל האט אהנגעהויבען צו ריידען און ער האט געזאגט יעצט איז פון מיר ארויס איין מכשפה נאך דריי זענין נאך דא ביי מיר און בויך מען האט טאקי גיזעהן ווי און איין זייט בויך איז געווארען ליידיג. דער רבי האט ווייטער מתפלל גיוועזען דאס יונגעל האט גיגעבין א געשריי אז די מענשען וואס זענען גיוועזין איף דער גאס זענען דערשראקען געווארען פון דעם געשריי. און דאס יונגעל האט געזאגט יעצט זענין די דריי מכשפות אויך פון מיר ארויס מען האט טאקי גיזעהן ווי דער בויך איז גיווארען און גאנצען קלענער. דאס יונגעל איז געזינד געווארען און ער איז מיט זיינע עלטערין א היים געפאהרען און דער היים האט זיך ווייטער און איהם דערוועקט די זעלבע מעשה נאר ריידען און געהן האט ער געקאנט נאר אלע יסורים וואס ער האט געהאט דאס ערשטע מאהל האט ער יעצט אויך געהאט און ער האט דער ציילט אז איין מכשפה זאגט איהם אז זי האט מורא געהאט פאר דעם רביין האט זי געמוזט ארויס געהן פון בויך נאר זי האט זיך בעהאלטען און פיס. און יעצט איז זי ווייטער אריין און בויך אריין. די עלטערין זענין נאך אמאהל גיפאהרען מיט דעם יונגעל צום רביין און דער רבי האט נאר איהם מתפלל גיוועזען און ער איז בעזינד געווארען לגמרי זי״ע ועכי״א:

# אן אוואנדערליכע מעשה מהצדיק הקדוש רבינו אליהו מגרידץ.

אמאהל איז פלוצלונג א יונגעל פון פערצען יאהר שטים געווארען און אכט וואכען האט ער ניט געגעסען און ניט געטרינקען וואס מען האט איהם אריין געגעבען און מויל אריין האט ער אויס געשפיגען. און ער האט נים געקענט געהן נאר ער האט זיך גיריקט אויף די הענד און פיס.

און

און ער פלעגט שטענדיג צו מאכען א שתי וערב. און אז ער האט דעזעהן א מזוזה אדער א אנדערע הייליגע זאך האט ער אויס געשפיגען. מען האט דאס יונגעל געברענגט צום רביין ר׳ אליהו מגרידק. אזוי ווי ער האט דער זעהן ספרים ליגען אויף דעם טיש האט ער אויף זיי בעשפיגען און געקריצט מיט די ציין אז עמיצער האט איהם אהן גערירט זיינע האר פון הינטען מיט א ספר חאטש ער האט גאר נישט געשפירט דאס ספר האט ער אהן געהויבען צו קריצען מיט די ציין און ער האט זיך אויס געריסען פון דעם מענש וואס ער האט איהם געהאלטען. און מען האט פאר איהם דורך געטראגען א גויעשען בוך האט ער זיך זייער געפרייט. עס האט איהם געהאלטען א מענש א גברן און אויב ער האט געהערט פון רביין א דבר קדושה האט ער זיך אויסגעריסען און געשפרינגען הויך ביז צום באלקען דער רבי איז צו געגאנגען צום ארון הקודש און ער האט בעשווארען די טומאה אז זי זאל פון איהם ארויס גיין. ער האט גיגעבען דאס מויל גלייך ווי אייגער וויל ברעכען כדי די כח הטומאה זאל פון איהם ארויס געהן. ווי ער איז ארויס געגאנגען פון רביינס שטיב און ער איז אריין געגאנגען און קעך אריין האט ער אנגעהויבען צו ברעכען. ווי די מיטער האט דאס דערהערט אז ער ברעכט איז זי צו איהם צוגעגאנגען האט ער תיכף אהנגעהויבען צו איהר צו ריידען און ער האט זי געפרעגט מאמע ווי בין איך. ער האט גאר נישט געוויסט וואס מיט איהם איז געשעהן ביז יעצט. מען האט איהם תיכף אריין געבראכט צום רבין ווי ער איז צו געקומען צו דער מזוזה האט מען איהם געהייסען קישען די מזוזה. און ער האט טאקע געקישט די מזוזה און ער איז געזינד געווארען כאחד אדם גאר געהן אויף די פיס האט ער תיכף נישט געקענט נאר ביסלעכווייז האט ער אהן געהויבען צו געהן אויף די פיס און א קורצע צייט איז ער געגאנגען גלייך ווי יעדער מענש זכות יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

## אווינדערליכע מעשה מהצדיק הגאון ר׳ העשיל זצללה״ה מקראקא.

עס איז אמאהל געקומען צום רבין ר׳ העשיל צוויי מענשען זיך לערנען

די

די דין תורה איז געוועזען אויף א סאך געלד. האט איין בעל דין גיגעבין דעם רביין ר' העשיל הינדערט רענדלעך און ער האט איהם געזאגט איך גיב אייך נישט דאס געלט אלעס שוחד נאר איך גיב אייך דאס געלד אז איהר זאלט גוט אכטינג געבען און דער דין תורה און איהר זאלט פסק'נען דיא דין תורה ערליך וויא דער דין איז. דער רבי האט ביי איהם צו גענומען די הינדערט רענדליך און ער האט איהם געזאגט איך וועל דיר א טובה טוהן און ער האט איהם געהייסען קומען מארגען זיך לאדען. ביי נאכט האט ער צו זאמען גערופען זיינע זוהן און איידימיס און האט געזאגט די רבנות אז זי זאל מאכען א סעודה פאר זייערט וועגין. די רבנות האט אנגעגרייט א סעודה און זיינע זוהן און איידעמעס זענין זיך צו זאמען געקומען צו דער סעודה. נאך דער סעודה האט ער ארויס גענומען די הינדערט רענדליך און ער האט זיי גיציילט איינציגווייס זיי האבען גערעכענט אז ער וויל זיי איינטיילען דאס געלד ער האט אבער אב געציילט דאס געלט און ער האט עס צוריק אריין געלייקט און קעשינע אריין און ער האט זיי גיזאגט איהר זאלט וויסען אז איך האב אייך גערופען איין ווייזען אז איהר זאלט אייך פון מיר אב לערנען אויב איהר וועט אמאהל זיין רבנים זאלט איהר נישט זיין להוט נאך געלד דער מענש האט מיר געגעבין די הינדערט רענדליך ער איז פון מיר ארויס געגאנגען פריילעך ער ווייסט נית אז איך האב נאר ביי איהם גענימען דאס געלד כדי אייך צו ווייזען אבער מארגען וועל איך עס איהם צוריק געבען איך וויל מיין נשמה נישט פערקויפען פאר מליאנען רענדליך זאלט איהר אויך וויסען ווי אזוי צו זיין ערליך בדין. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

## א וואונדערליכע מעשה מהצדיק ר' יואל בעל שם זצללה"ה מזאמישט

עס איז אמאהל גיוועזען און פוזנא א הויז. און דעם הויז איז גיוועזען א קעהלער און דער קעהלער איז גיוועזען פערשלאסען עס איז קיינער ניט אריין געגאנגען און קעהלער אריין ווייל און דעם קעהלער איז גיווען מזיקין

מזיקין. אַמאָהל איז אַ בחור אַריין געגאַנגען און קעהלער אַריין און אַ פערטיל שעה אַרום האט מען געטראָפען דעם בחור ליגען אויף דער שוועל פון קעלעהר טוידט. מען האט ניט געוויסט די סיבה פון דעם בחור'ס טוידט. און צוויי יאָהר אַרום זענען די מזיקים אַריין געקומען און שטיב אַריין אַז מען האט צו געשטעלט אויף דער קעך עסין צו קאָכען האט מען געפינען אין די טעפ ערד און מיסט. און זיי פלעגען אַריין קומען און שטיב אַריין און אַראָב וואַרפען די כלים פון טיש און זיי האָבען זיי צובראָכען אָבער די מענשען האָבען זיי גאָר ניט מזיק געוועזען זיי האָבען נאָר געוואָרפען אַ פחד אויף די מענשען אַז די מענשען האָבען זיך געמוזט אויס צוהען פון שטיב. עס איז געוואָרען אַ רעש און שטאָדט מען האט ניט געוויסט וואָס צו טוהן. מען האט געשיקט נאָך דעם צדיק ר' יואל בע"ש און ער האָט זיי בעשוואָהרען אַז זיי זאָלען איהם זאָגען צוליעב וועלכע סיבה זיי זענען אַריין געקומען און שטיב אַריין וואָס די שטיב איז דאָך אַ וואָהניג פאַר מענשען וועגן. און די מזיקין האָבען ניט קיין רשות צו וואָהנען צווישען קיין מענשען. האָבען זיי איהם געענטפערט אַז דאָס הויז געהערט צו זיי און זיי האָבען געזאָגט אַז זיי ווילען האָבען אַ דין תורה מיט דעם בעל הבית פאַר דעם בית דין פון פוזנא. מען האט מייחד געוועזען אַ טאָג אויף אַ דין תורה. עס איז געקומען דער טאָג זענען די דיינים פון פוזנא מיט ר' יואל בע"ש געגאַנגען און דעם הויז אַריין און זיי האָבען געהייסען די מזיקין טענהין. מען האט געהערט ריידען און גיזעהן האט מען קיינעם ניט. און זיי האָבען געזאָגט דאָס הויז האָט אַמאָהל געהערט צו איינעם אַ גאָלדשמיט ער האט אַזוי און אַזוי געהייסען. און ער האָט געוואָהנט מיט אַ שדית און ער האָט געהאַט מיט איהר עטליכע קינדער און פון זיין אמת'דיג ווייב האָט ער אויך געהאַט קינדער. דער גאָלדשמיט האָט שטאַרק ליעב געהאַט די שדית און ער איז געוועזען און איהר אָהן געקויפט. ער האָט אַ סך מאָהל און מיטען דאַווינען אָבגעלייגט זיין טלית ותפילין און ער איז אַרויס געגאַנגען פון שוהל אַרויס טוהן איהר ווילען:

אַמאָהל פסח ביינאַכט ביי דעם סדר ער האָט געהאַלטען און מיטען דעם סדר איז ער אַוועק געגאַנגען פון טיש און ער איז אַוועק געגאַנגען און בית הכסא אַריין צו איהר זיין ווייב האָט געזעהן ווי ער זוימט זיך דאָרט זייער לאַנג איז זי אַרויס געגאַנגען זעהן וואָס ער טוהט דאָרט. זי האָט אַריין געקוקט און בית הכסא אַריין האָט זי געזעהן אַז עס איז גאָר אַשעהן חדר נישט קיין בית הכסא אויף דעם טיש שטייט פערשידענע

גאָלדענע

גאָלדערנע און זילבערנע כלים און עס שטייט אַ גיבעט בעט און דעם בעט ליגט זייער אַ שענע אשה נאַקיט און דער גאָלדשמיד ליגט מיט איהר און בעט די אשה האָט זיך שטאַרק דער שראָקען און זי איז צוריק אַריין געגאַנגען און שטיב זייער טרויריג און אַפּערטיל שעה אַרום איז דער גאָלדשמיד אַריין געקומען און שטיב אַריין דאָס ווייב האָט איהם גאָר נישט געזאָגט נאָר מאָרגען איז זי אַריבער געגאַנגען צום רב און האָט איהם דערציילט די מעשה דער רב האָט געשיקט נאָך דעם גאָלדשמיד און האָט איהם איבער געפרעגט צו די מעשה איז אמת. דער גאָלדשמיד האָט זיך מודה געווען אַז ער וואָהנט מיט אַ אשה פון די שדים. האָט איהם דער רב געגעבען אַ קמיע אַז די שדית האָט שוין נישט געהאט קיין שליטה צו איהם. איידער ער איז געשטאָרבען איז געקומען די שדית צו איהם און זי האָט פאַר איהם געוויינט זי האָט צו איהם געזאָגט ווי לאָזטו מיך איבער מיט מיינע קינדער און זי האָט איהם געוויזען אַ פריי פנים און זי איז צו איהם צו געגאַנגען און זי האָט איהם געהאַלדז און געקישט און ער איז צו איהר מרוצה געוואָרען און ער האָט איהר מיט איהרע קינדער געגעבען דעם קעלער פון דער שטיב. און אַצייט אַרום האָט זיך געמאַכט מלחמות און דער גאָלדשמיד מיט זיינע קינדער זענען געהרגת געוואָרען און דער מלחמה עס איז נישט געבליבען קיין שום יורש פון מענשען ע״כ זענען מיר זיינע יורשים קומט אונז דאָס הויז בירושה. דאָט אַלעס האָט אַ שד געטענה׳ט און די מענשען וואָס האָבען געוואָנט און דעם הויז האָבען גיענפערט מיר האָבען געקויפט דאָס הויז ביי דעם גאָלדשמיד און איהר שדים הייסט נייט קיין קינדער איהר הייסט נייט קיין יורשים האָט ר׳ יואל ב״ש מיט דעם בית דין געפּסק׳ענט אַז די שדים האָבען קיין טענה ניט צו דעם הויז און ר׳ יואל ב״ש האָט בעשוואָרען די שדים אַז זיי זאָלען אַרויס געהן פון דעם הויז און זיי זענען תיכף אַוועק פון דעם הויז און מהיום והלאה איז געוואָרען רוהיג און דעם הויז. זכות הצדיקים יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

# א וואונדערליכע מעשה מהרב הצדיק ר' ישראל דער קאזעניצער מגיד ומהרב הצדיק ר' יעקב מלובלין זצ"ל.

דעם קאזניצער מגידס א חסיד ער איז געוועזן א מקורב ביי דעם מגיד ער איז געוועזן א גרויסער תלמוד חכם יעדער חודש פלעגט ער צו פאהרען צום מגיד. ער האט ניט געהאט קיין קינדער ער האט פיהל מאהל געבעטען דעם רביין אז ער זאל מתפלל זיין פאר איהם אז ער זאל געהאלפין ווערין מיט קינדער דער רבי האט איהם גאר ניט געענטפערט. דאס ווייב האט איהם זייער דערקוטשעט אז ער זאל זעהן אז דער רבי זאל איהם ענטפערין אריינעם ענטפער. איינמאהל ווען ער איז געפאהרען קיין קאזעניץ האט דאס ווייב פאר איהם געוויינט אז ער זאל ניט אבטרעטען פון רביין ביז ער וועט איהם ענטפערין א קלאהרע תשובה זי האט איהם געזאגט אז איהר לעבין איז ניט קיין לעבין אז זי דערמאנט זיך אז זי וועט שטארבען און לאזט ניט איבער קיין קינדער אפשר וועט דער רבי זיי הייסען גטין. זי האט איהם צו געזאגט אז וואס דער רבי וועט הייסען וועט זי פאלגען דער חסיד איז געפאהרען קיין קאזעניץ און האט געזאגט דעם רביין אז ער קען שוין ניט אויסהאלטען צוקוקענדיג זיין ווייבס וויינען ע"כ וועט ער ניט אוועק פאהרען ביז ער וועט הערין פון רביין א קלאהרע תשובה:

האט איהם דער רבי געענטפערט אויב די בעשטעהסט היזק צו האבען דיין גאנץ פערמעגען וואס דיא פער מאגסט וועסטו האבען קינדער נאר די וועסט זיין אייביג א ארימאן. האט דער חסיד געזאגט צום מגיד איך וועל אהיים פאהרען זיך בעראהטען מיט מיין ווייב. ער איז אהיים געפאהרען און האט דערציילט זיין ווייב. דעם רביי'נס ענטפער. האט זי געענטפערט איך בעשטעה צו זיין ארים אבי עס זאל נאך מיר בלייבען א זכר. גאט ניט לעבין גיט ער צום לעבען. ער איז צוריק געפאהרען צום מגיד און האט איהם דערציילט זיין ווייבס ענטפער אז זי איז מרוצה צו בלייבען ארום אבי זי זאל האבען קינדער צום לעבען. האט איהם דער מגיד געזאגט פאהר און נעם מיט דיר דיין גאנץ געלד און קום צו מיר וועל איך דיר זאגען וואס די זאלסט טוהן. ער איז אהיים געפאהרען און האט צונויף גענומען זיין גאנץ געלד און איז געקומען צום רביין:

האט איהם דער רבי געזאגט יעצט פאהר קיין לובלין צום רביין און זאלסט איהם זאגען אז איך האב דיך געשיקט צו איהם ער זאל

דיר

דיר זאָגען וואָס די זאָלסט טוהן כדי די זאָלסט האָבען קינדער און וואָס ער וועט דיר זאָגען זאָלסטו טוהן. ער איז געפאָהרען קיין לובלין צום רבין און ער האָט איהם געזאָגט אז דער קאָזניצער מגיד האָט מיך געשיקט צו אייך אַז איהר זאָלט מיר זאָגען וואָס איך זאָל טוהן אַז איך זאָל האָבין קינדער. האָט איהם דער רבי פון לובלין געזאָגט זיץ דאָ און לובלין וואַרט ביז איך וועל דיר זאָגען וואָס די זאָלסט טוהן. ער האָט זיך געדינגען אַ אכסניא. אַזוי ווי אַ גרויסער סוחר און איז געזעסען אין לובלין אַ לאַנגע צייט עס איז איהם דערווייל אַוועק געגאַנגען אַ סאַך געלד. עס איז פאַר ביי געגאַנגען אַ לאַנגע צייט האָט איהם דער רבי פון לובלין אַריין גערופען און האָט איהם געזאָגט דער קאָזעניצער מגיד זעהט גיט. פאַר וואָס האָט ער דיך געשיקט צו מיר ווייס איך ניט נאָר למען כבודו וואָס ער האָט דיך צו מיר געשיקט מוז איך דיר זאָגען וואָס די האָסט צו טוהן:

דיא בּיסט אַמאָהל געוועזען אַ חתן מיט אַ מיידיל נאָך דעם האָסטו זי נישט געוואָלט און די האָסט אָב געלאָזט דעם שידוך דורך דעם האָסטו נישט קיין קינדער און כל זמן די וועסט זי ניט איבער בעטין וועסטו קיין קינדער ניט האָבען און וויַיל די אשה איז זייער וויַיט פון דיר מוסטו זי זוכען און וויַיל איך ווייס אַז עס וועט פאַר דיר שווער זיין זי צו זיכען וועל איך דיר געבען אַ עצה ווי די וועסט זי געפינען. און צוויי חדשים אַרום וועט זיין אין באַלטערי אַ גרויסער יריד דאָרט וועט זי זיכער זיין זאָלסטו אַהין פאָהרען און די זאָלסט זי זוכען די גאַנצע צייט פון יריד וועסטו זי געפינען און זי וועט דיר בוודאי מוחל זיין. נאָהר זאָלסט ניט אַוועק פאָהרען פון באַלטער ביז די וועסט זי געפינען. דער מענש איז באַלד געפאָרען קיין באַלטער ער האָט זיך געטראַכט אפשר וועל איך זי נאָך קענען טרעפען אויף דעם וועג איידער דער יריד הייבט זיך אָהן וועל איך נאָך קענין אַהיים פאָהרען פאַר דעם יריד ער האָט זי געזוכט אויף דעם וועג ער האָט זי ניט געטראָפען ער איז אַריין געקומען קיין באַלטער און ער האָט זיך אָב געדינגען אַ בעזינדער חדר אין זיך געזעסען אין געלערענט. האַנדלען האָט ער ניט געוואָלט וויַיל ער האָט געגלייבט אין זיין רבין אז ער האָט איהם געזאָגט אַז ער וועט זיין אַ אָרימאן צו וואָס טויג איהם צי האנדלין. אמווסט פאַר ברענגען די צייט איז דאָך גלייכער צו לערנען. דריי שעה און טאָג פלעגט ער אַרויס צו גיין אין מאַרק אַריין און האָט זיך אַרום געדרייט און מאַרק און אַלע גאַסען אפשר וועט ער זי געפינען עס האָט אַזוי געדוירט צוויי חדשים ביז דער יריד האָט זיך

אָנגעהויבען

אָנגעהויבען. ווען דער ירוד האט זיך אָנגעהויבען איז ער שוין אַרום געגאַנגען אַ גאַנצע טאָג און מאַרק און ער האָט זי געזוכט אָבער ער האָט זי נישט געקענט געפינען. און ער האָט זיך אָבער נישט מייאש געוועזען ער האָט געגלייבט אז דער רבי האָט איהם אַהער געשיקט וועט ער זי זיכער געפינען.

ער האט זי יעדען טאָג געזוכט ער האָט זי אָבער נישט געפינען. און די לעצטע דריי טעג פון ירוד דער עולם האָט שוין אָנגעהויבען אַהיים צו פאָהרען האָט ער זיך אַרום געדרייט און מאַרק פערטראַכט און ער האָט ביי זיך געטראַכט דער ירוד צופאָהרט זיך שוין און ער האָט נאָך זי אַלץ נוט געפינען. דער ווייל האָט אָנגעהויבען צו רעגענען איז ער אַריינטער געגאַנגען אונטער אַפּאָטשנע ער זאָל ניט פאַר רעגענט ווערין דער ווייל איז זיך אָנגעקומען נאָך מענשין און האָבען זיך דאָרט אַנידער געשטעלט זיך צו בעשיצען פון רעגען. האָט זיך לעבען איהם אַנידער געשטעלט אַ אשה זייער שעהן אָנגעטוהן בעהאָננען מיט צירינג ווי ער האָט דערזעהן לעבען זיך אַ אשה האָט ער זיך פון איהר אָבגעריקט האָט די אשה געלאַכט און זי האָט געזאָגט צו איהר חבריטע דער מענש האָט זיך פון מיר דערווייטערט יונגעהייט און יעצט דער ווייטערט ער זיך אויך פון מיר. יונגער הייט בין איך געוועזען זיין כלה און ער האָט מיך נישט געוואָלט איז רעכט וואָס ער איז מיט מיר געוועזען פון דערווייטענס יעצט ב״ה זייט ער האָט מיך פערלאָזט פעהלט מיר גאָר נישט איך בין ב״ה רייך און דאָך אַנטלויפט ער פון מיר.

ווי ער האָט דערהערט די ווערטער האָט ער זיך צוגעריקט צו איהר און ער האָט זי גיפרעגט וואָס זאָגסטו? האָט זי איהם גיענטפערט די האָסט שוין מיך פערגעסען די גידענקסט די כלה וואָס איז מיט דיר גיוועזען אַ כלה פיער יאָהר און נאָך דעם האָסטו אָב געלאָזט דעם שידוך? דאָס בין איך דיין גיוועזענע כלה. יעצט זאָג מיר וואָס טוהסטו דאָ ווי אַזוי געהט עס דיר האָסטו קינדער? האָט איהר דער מענש גיענפערט איך בין טאַקי צו דיר געקומען ווייל איך האָב ניט קיין קינדער און דער רבי פון לובלין האָט מיך געשיקט צו דיר ער האָט מיר געזאָגט אַז כל זמן איך וועל דיך ניט איבער בעטען וועל איך קיין קינדער ניט האָבען. איך בין גרייט דיך צו פאָלגין װאָס די וועסט מיך הייסען און זיי מיר מוחל מיין האַרץ זאָל מעהר ניט זיין אַזוי טרויעריג:

האָט

האט די אשה איהם גיענטפערט א דאנק השי"ת עס פעהלט מיר גאר ניט איך בין רייך איך דארף גאר ניט דיינס נאר איך האב א ברודער לעבען סאבאלק ער איז א ארימאן און ער דארף די צייטען חתונה מאכען א טאכטער זאלסטו איהם געבין צוויי הינדערט רענדליך וועסטו זיכער געהאלפען ווערין מיט קינדער דער מענש האט זי געבעטען נעם די דאס געלד און שיק עס אליין דיין ברודער פאר וואס זאלסטו מיך אזוי וויט מטריח זיין איך זאל דארפען פאהרען אזא וויטע נסיעה אז די קענסט איהם שיקען דאס געלד דורך דער פאסט. האט איהם די אשה גיענטפערט אויב די ווילסט איהם אליין אבפיהרען דאס געלד איז גיט איך קען עס איהם ניט שיקען דורך דער פאסט וויל אפשר איז ער עמיצען שולדיג געלד וועט מען ביי איהם דאס געלד צו נעמען וועט ער ווייטער ניט האבען חתונה צו מאכען די טאכטער און אויב די וועסט איהם געבין דאס געלד וועל איך דיר מוחל זיין און בזכות זה וועסטו געהאלפען ווערין מיט זוהן תלמידי חכמים. און זי האט איהם געזאגט איך האב ניט קיין צייט דא צו שטעהן אזוו ווי דער רעגען וועט אויף הערען וועל איך אוועק געהן און די וועסט מיך שוין מעהר ניט זעהן וויל איך פאהר תיכף אוועק ע"כ איז גלייכער די זאלסט תיכף פאהרען צו מיין ברודער און די זאלסט איהם געבען דאס געלד וועסטו געהאלפען ווערין מיט קינדער. זי האט זיך מיט איהם גיזעגענט און זי האט איהם געזאגט די זאלסט גריסען מיין ברודער פון מיינעט וועגין און זי איז פון איהם אוועק געגאנגען ער האט איהר געוואלט נאך געהן ער האט זי אבער ניט גיזעהן זי איז פון איהם תיכף פערשווינדען געווארען דער מענש איז געגאנגען אויף זיין אכסניא און האט זיך איינגעפאקט זיינע זאכען און האט געזוכט א פיהר קיין ווילנא ער האט געטראפען איין פיהר קיין ווילנא און פון ווילנא איז ער געפאהרען קיין סובאלק און פון סובאלק איז ער גיגאנגין און דעם דארף אריין. ער איז אריין געקומען צו זיין גיוועזינע כלה'ס ברודער האט ער איהם גיזעהן אז ער איז זייער טרוד און ער האט זיך געדרעהט און שטיב אהין און צוריק שטארק פערטראכט אז ער האט ניט בעמערקט אז עס איז צו איהם אריין געקומען א פרעמדער מענש:

דער מענש איז צו איהם צו געגאנגען און ער האט איהם געפרעגט איהר הייסט ר' לייב? האט ער גיענטפערט יאה. האט ער איהם ווייטע געפרעגט וואס ער איז אזוי טרויריג האט ער איהם גיענטפערט וואס וועט אייך ארויס קומען אז איהר וועט וויסען איהר וועט דען מיר קענען העלפען אז איך וועל אייך דערציילען. דער מענש האט איהם שטארק מפציר גיוועזען

גֶעוועֶזֶען און עֶר האָט אִיהם גֶעזאָגט אַז עֶר קעֶן אִיהם העֶלפֶען. האָט עֶר אִיהם דעֶרצייילט אִיךְ האָב אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּהן מִיט מײַן טאָכטעֶר מִיט אַ גבִיר׳ס אַ בחור פוּן סוּבאַלק דעֶר בחוּר אִיז אַ למדן און אַ חכם און אִיךְ האָב צוּ גֶעזאָגט דרײַ הִינדעֶרט רו״כ נדן און אִיךְ האָב שׁוֹין גֶעהאַט דאָס גֶעלד מסלק צוּ זײַן. האָט אָבעֶר דעֶר פּרִיץ בײַ מִיר גֶעפֶאָדעֶרט אַ הוֹספה און אוֹיךְ אִיךְ זאָל אִיהם גֶעבִּין דאָס גאַנצֶע גֶעלד פאָר אוֹיס. אִיךְ האָב עֶס גֶעמוּזט טוּהן ווײַל מײַן גאַנץ לעֶבִּין העֶנגט און דעֶר אַרעֶנדעֶ און אִיךְ האָב מִיךְ נאָךְ אײַנגעֶשִׁילדִיגט גֶעלד אִין דעֶר זמן חתוּנה אִיז שׁוֹין גֶעוועֶזעֶן פוּן לאַנג און מײַן מײַדעֶל אִיז שׁוֹין נִישט יוּנג עֶס אִיז שׁוֹין צײַט אִיךְ זאָל זִי חתוּנה מאַכעֶן. אִין נעֶכטִין האָב אִיךְ עֶרהאַלטעֶן דִי תנאִים פוּן מײַן מחוּתן און עֶר האָט מִיר גֶעשׁרִיבּעֶן אַז אוֹיבּ במשךְ דרײַ טעֶג אִיךְ וועֶל נִיט מסלק זײַן דעֶם נדן לאָזט עֶר אָב דעֶם שִׁידוּךְ. מײַן טאָכטעֶר ווײַנט און קלאָגט און אִיךְ קעֶן אִיהר נִיט העֶלפעֶן דעֶר חתן אִיז מִיר זײַעֶר אַשׁאָהד עֶר אִיז דעֶר בּעֶסטעֶר בחוּר פוּן גאַנץ סוּבאַלק און אִיךְ האָב נִיט און שׁטִיב קײַן חפץ אִיךְ זאָל זִיךְ דעֶר אוֹיף לײַעֶן גֶעלד אִיךְ זאָל קעֶנעֶן חתוּנה מאַכעֶן און אִיךְ האָב דאָ נִישט קײַן בּעֶקאַנטעֶן מעֶנשׁ און נִיט קײַן קרוֹבים זײַ זאָלעֶן מִיר בּעֶהִילפִיג זײַן אִיךְ בִּין אִין אַ פרעֶמד לאַנד אִיךְ ווײַס נִיט פוּן וואַנעֶן מײַן הִילף וועֶט קוּמעֶן עֶס אִיז מִיר זײַעֶר בִּיטעֶר.

האָט אִים דעֶר מעֶנשׁ גֶעזאָגט דִי זאָלסט גאָר נִישט זאָרגעֶן אִיךְ וועֶל דִיר גֶעבּעֶן צווײַ הִינדעֶרט רעֶנדלעֶךְ וועֶסטוּ האָבּעֶן חתוּנה צוּ מאַכעֶן און עֶס וועֶט דִיר נאָךְ בּלײַבּעֶן. האָט דעֶר בּעל הבּית צוּ אִיהם גֶעזאָגט פאַר וואָס ווִילט אִיהר מִיר גֶעבִּין צווײַ הִינדעֶרט רעֶנדלִיךְ אִיהר קעֶנט דאָךְ מִיר נִיט אִיהר ווִילט פוּן מִיר מאַכִין לִיצנוֹת אִיךְ האָב נאָךְ נִיט גֶעזעֶהן און גֶעהעֶרט אַז אײַן מעֶנשׁ זאָל דעֶם אַנדעֶרעֶן גֶעבּעֶן אַזאַ סוּמעֶ גֶעלד. האָט דעֶר מעֶנשׁ אִיהם גֶעזאָט אִיךְ וועֶל אײַךְ זאָגעֶן דעֶם אמת. אײַעֶר שׁוועֶסטעֶר האָט מִיךְ צוּ אײַךְ גֶעשִׁיקט אַז אִיךְ זאָךְ אײַךְ גֶעבִּין צווײַ הִינדעֶרט רעֶנדלעֶךְ.

האָט אִיהם דעֶר בּעל הבּית גִיפרעֶגט ווִי האָט אִיהר גִיזעֶהן מײַן שׁוועֶסטעֶר? און ווען האָט זִי אײַךְ דאָס גֶעזאָגט? האָט עֶר אִיהם גִיעֶנטפעֶרט. מִיט דרײַ וואָכעֶן צוּרִיק האָב אִיךְ זִי גִיזעֶהן און בּאַלטעֶ אוֹיף דעֶם ירִיד. און זִי האָט מִיר גֶעזאָגט אַז אִיהר דאַרפט חתוּנה מאַכעֶן אַ טאָכטעֶר און אִיהר האָט נִיט קײַן גֶעלד זאָל אִיךְ אײַךְ גֶעבִּין צווײַ הִינדעֶרט רעֶנדלעֶךְ. אײַעֶר שׁוועֶסטעֶר אִיז אַמאָהל גִיוועֶזעֶן מײַן כלה אִיךְ האָב אָב גֶעלאָזט דעֶם שִׁידוּךְ

בִּין

בין איך געפאָהרען זי איבער בעטין זי האָט מיר ניט געוואָלט מוחל זיין ביז איך זאָל צו אייך פאָהרען און איך זאָל אייך געבין צוויי הינדערט רענדליך. איך האָב זי גיבעטען זי זאָל ביי מיר נעמען דאָס געלד און זי זאָל עס אייך שיקען דורך דער פאָסט זי האָט אָבער ניט געוואָלט נאָר איך אַליין זאָל עס אייך געבין. האָב איך געמוזט פאָהרען פון באַלטע צו אייך אָבפיהרען דאָס געלד:

דער בעה״ב האָט דערהערט די רייד פון דעם מענש און ער איז אויף איהם שטאַרק און כעס געוואָרען און האָט איהם געזאָגט די ביסט געקומען מיר מעהר צרות אָהנטוהן די ביסט געקומען מיך דערמאַנען מיין געשטאָרבינע שוועסטער וואָס זי איז שוין טוידט פונפצעהן יאָהר איך אַליין האָב זי בעגראָבען קומסטו מיר דערציילען אַזעלכע ליגענטע רייד וואָס עס הייבט זיך גאָר ניט אָהן. דער מענש איז געבליבען שטעהן נבהל ונשתומם און האָט געזאָגט צו דעם בעל הבית איך שווער דיר אַז דאָס אַלעס וואָס איך האָב דיר געזאָגט איז אמת נאָר אפשר ביסטו ניט אסתר שפרה׳ס ברודער (די פרוי האָט געהייסען אסתר שפרה) איך בעט אייך זאָגט מיר דעם אמת איהר הייסט לייב בן ר׳ אליעזר? דער בעה״ב האָט איהם גיענטפערט אמת איך הייס לייב ב״ר אליעזר און מיין שוועסטער האָט געהייסען אסתר שפרה. נאָר וואָס פאַלט דיר איין אַז די האָסט גיזעהן מיין שוועסטער און באַלטע זי איז דאָך שוין לאַנג טוידט און אויב די גלייבסט מיר ניט קום וועל איך דיר ווייזען איהר קבר. דער מענש האָט זיך שטאַרק פערווינדערט און ער האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז ניט קיין פשוט׳ע זאַך אַז זי איז צו איהם געקומען פון יענער וועלט נאָ איהם מוחל זיין:

האָט ער געזאָגט צום בעל הבית איך זעה מען האָט דיך מזכה געווען מן השמים די זאָלסט קענען חתונה מאַכען דיין טאָכטער ע״כ נעם דיר צו דאָס געלד וויל די ביסט דער מענש וואָס איך זוך. און ער האָט איהם דער ציילט די גאַנצע מעשה פון אָהנהייב ביז דעם סוף אַז דער קאָזיניצער מגיד האָט איהם געשיקט קיין לובלין צום רבין און דער רבי פון לובלין האָט איהם געשיקט קיין באַלטער און האָט איהם געזאָגט אַז דאָרט וועסטו זי געפינען ער האָט באַלט אַזוי געטוהן און ער האָט זי געפינען אין באַלטער און זי האָט איהם געהייסען געבין איהר ברידער דאָס געלד. דער בעל הבית איז נבהל ונשתומם געוואָרען און ער האָט געזאָגט צו דעם מענש מאָהל מיר אויס איהר געשטאַלט וועל איך וויסען אויב די זאַגסט אמת. דער מענש האָט איהם אויסגעמאָהלט איהר געשטאַלט האָט דער

בעה״ב

בעה״ב געזאָגט דאָס איז טאַקע מיין שוועסטער און מן השמים האָט מען זי געשיקט פאַר מיינעט וועגען איך זאָל קענען חתונה מאַכען מיין טאָכטער. זאָל דיר השי״ת העלפען דאָס מיין שוועסטערס ברכות זאָלען מקוים ווערען די זאָלסט האָבען זוהן תלמודי חכמים. דער מענש איז אַהיים געפאָהרען און איז געקומען צום רביין און ער האָט איהם דערציילט די גאַנצע מעשה ווי אַזוי עס איז איהם דערגאַנגען אויף דעם וועג. האָט איהם דער רבי געזאָגט די זאָלסט וויסען אַזוי ווי די האָסט אָבגעלאָזט דעם שודיך איז אויף דיר נגזר געוואָהרען אַז די זאָלסט ניט האָבען קיין קינדער יעצט אַז זי האָט דיר מוחל געוועזען וועסטו שוין געהאָלפען ווערען מיט קינדער. דער מענש איז טאַקע געהאָלפען מיט זוהן תלמודי חכמים. פון דאַנען זעהן מיר ווי אַמענש דאַרף זיין געהוטען מיט אָבלאָזען איין שידוך. און על פי רוב זעהט מען טאַקי אַז עס שאַדט יעדען איינעם וואָס לאָזט אָב אַ עווינק השי״ת זאָל העלפען יעדען מענש אַז ער זאָל טרעפען ביים ערשטען מאָהל זיין רעכטען זיווג און מיר זאָלען אָבגעהיטען ווערען פון אַלעס שלעכטס.

---

# אַ וווּנדערליכע מעשה מהרב הצדיק ר׳ הירש לייב אליקער זצל״ה.

דער רבי ר׳ הירש לייב האָט אַמאָהל מוצאי ראש השנה איהנגעווינשען אַ יונגען מאַן אַ גביר׳ס אַ איידים השי״ת זאָל דיר מזמן זיין אַ אָרט וואָס זאָלסט קענין דאָרט זיין און ער זאָל דיר דאָרט מזמין זיין דיין פרנסה. דער יונגערמאַן איז שטאַרק דער שראָקען געוואָרען פון דער רביינס רייד ער איז געוועזען אַ גביר׳ס אַ איידים און ער אַליין האָט אויך געהאַט אַ סך געלד ווינשט איהם דער רבי אַז השי״ת זאָל איהם מזמין זיין אַ אָרט ער זאָל דאָרט קענין זיין? ער איז אַרום געגאַנגען שטאַרק בצער ער האָט גיקלערט פערשידענס וועגין דעם. ער האָט געוויסט אַז דעם רביינס רייד זענין ניט קיין דברים בטלים. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טוהן. ער איז אַהיים גיפאָהרין מיט נאָך חסידים. זיי זענין געקומען און אַ קרעטשמי אַריין האָבין די חסידים געקויפט משקה כדי זיי זאָלען פריילך מאַכען דעם יונגען מאַן וויל ער איז געוועזען שטאַרק פערזאָרגט זיי האָבען געניכען אַביסעל משקה און זיי

זיי

זיי האָבען אָהנגעהויבען צו שמיסען דברי תורה דער יונגער מאַן האָט זיי אַלע מנצח געווען ווייל ער האָט געקענט בעסער פון זיי אַלע. און דער בעל הבית מיט זיין ווייב זענען געזעסען פון דער וויטענס און האָבען געזעהן ווי דער יונגער איז זיי אַלע מנצח. האָט דער בעל הבית געזאָגט צו זיין ווייב זעהסט ווי דער יונגער מאַן קען בעסער פון זיי אַלע. מיר געפעלט איך זאָל איהם נעמען פאַר אַ מלמד צו אונזערע קינדער:

דער בעל הבית איז צו געגאַנגען צו דעם יונגענמאַן און ער האָט איהם געזאָגט איהר געפעלט מיר בעסער פון אַלע מענשען וואָס זיי געפינען זיך דאָ ע״כ וועל איך אייך נעמען פאַר אַ מלמד צו מיינע קינדער. דער יונגער מאַן איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען ער האָט זיך דערמאַנט דעם רבי'ניס ווערטער אַז השי״ת זאָל איהם מזמין זיין אַ אָרט ער זאָל קענען דאָרט זיין האָט ער פערשטאַנען אַז דאָס האָט דער רבי געמיינט ער האָט אַפילו ניט געוואָלט זיין ביי איהם קיין מלמד. ווייל צו וואָס האָט ער דאָס בעדאָרפען ער האָט געוויסט ביי זיך אַז ער האָט און דער היים פון אַלעם גוטען נאָך וואָס זאָל ער זיין מלמד. דער בעל הבית האָט איהם אָבער ניט אָבגעלאָזט ער האָט איהם צו געזאָגט ער וועט איהם געבין גוט עסין און כל הצטרכות זיינע מיט גרויס כבוד. האָט ער געזעהן אַז דאָס איז איהם צו געשיקט געוואָרען מן השמים און דאָס האָט טאַקי זיין רבי געמיינט האָט ער זיך מישב געווזען איך וועל דאָ פערבלייבען ביז השי״ת וועט זיך אויף מיר מרחם זיין איך וועל זעהן וואָס דער סוף וועט זיין.

דער יונגערמאַן איז געבליבען ביי דעם בעל הבית און ער האָט פערהערט די קינדער האָט ער געזעהן אַז זיי קענין גאָר ניט. האָט ער מיט זיי געלערענט חומש מיט רש״י און האָט מיט זיי געלערענט ספרי מוסר כדי ער זאָל און זיי מרגיש זיין ערליכקייט. דער בעל הבית איז זייער געפעלען זיין לערנען ער פלעגט אָפט צו שטעהן אינטער דער טיהר הערין ווי ער לערענט מיט זיינע קינדער ערענס. אַמאָהל איז ער געשטאַנען אינטער דער טיהר האָט ער געהערט ווי מען לערענט מיט זיינע קינדער ראשית חכמה ווי אַ מענש דאַרף זיך אָבהיטען פון ניאוף און ווי גרויס דער חטא איז פון דעם מענש וואָס ער איז אַ נואף. דער בעל הבית האָט אויס געהערט די ווערטער זענען איהם אַריין און קאָפ אַריין און זיין הארץ און איהם געברענט ווי אַ פייער און ער האָט געפעצנט די טיהר און האָט געהייסען די קינדער אַרויס גיין און ער האָט געזאָגט צום מלמד איך בין דער מענטש וואָס איהר האָט הערשט געלערענט איך האָב געזינדיגט

בעזינדיגט איך בין געוועזען א נואף מיינע זענען זייער גרויס. וועה איז צו מיר-וואס זאל איך יעצט טיהן? האט איהם דער יונגער מאן גיענפערט מיר וועלען פארען קיין אליקער צום רביין און ער וועט דיר ארויס געבען א תשובה.

עס איז דאמאלסט גיוועזען ווינטער ביינאכט און חודש טבת די קעלט איז גיוועזען שטארק עס איז ניט מעגליך גיוועזען ביי נאכט צו פאהרען. דער בעל הבית האט אבער ניט געוואלט קוקען אויף די קעלטען נאר ער האט געוואלט תיכף איינשפאנען די פערד און זיי זאלען פאהרען קיין אליקער צום רביין. דער יונגער מאן האט אבער ניט געוואלט ביי נאכט פאהרען ער האט געזאגט ווי אזוי קען איך זיך איינשטעלען און פאהרען ביי נאכט איך זאל זיך איינשטעלען און א סכנה ער האט געזאגט צום בעל הבית מיר וועלען ווארטען ביז און דער פריה וועלען מיר פאהרען:

דער בעל הבית האט זיך מיישב גיוועזען וואס וועט מיר דער רבי העלפין איך וועל ארויס געהן און וואלד אריין און איך וועל וויינען פאר השי״ת און וועל זאגען תהלים אזוי לאנג ביז השי״ת וועט זיך אויף מיר מרחם' זיין. ער האט אזוי געטוהן ער איז ארויס געגאנגען און וואלד אריין די לבנה האט געשיינט און ער האט זיך גישטעלט צווישען די ביימער און האט אהנגעהויבען צו זאגען תהלים מיט א שטארק געוויין עס האט איהם אהנגעהויבען קאלט צו ווערען ער האט אבער אויף דער קעלט גאר ניט געקוקט ער האט אויף זיך מקבל גיוועזען מוסר נפש צו זיין כדי ער זאל האבען א כפרה אויף זיינע חטאים. עס איז איהם אלע מאהל קעלטער גיווארין ביז ער איז אנידער געפאלען און איז געשטארבען און דער פריה זענען געגאנגען צוויי קריסטישע קינדער און וואלד אריין נעמען האלץ פון דער גרויסער סטערטע האלץ וואס עס איז גיוועזען און וואלד ניט וויים פון דעם ארט וואס דער בעל הבית איז דארט גילעגען און עס האט זיך אראב גישיט דאס האלץ פון דער סטערטע און זיי זענין גיהרגי׳ת געווארען:

און דער פריה זענין די מענשען פון שטיב אויף געשטאנען און זיי האבין גיזעהן אז דער בעל הבית איז ניט דא אין שטיב מען האט איהם געזוכט מען איהם אבער ניט געפינען, דער מלמד האט איהם אויך געזיכט ווייל ער האט מיט איהם געוואלט פאהרען קיין אליקער צום רביין מען איז גיגאנגין און וואלד אריין איהם זיכען האט מען איהם געפינען ליגען טוידט און די צוויי קריסטליכע קינדער. דער מלמד האט מורא געהאט דארט צו זיין מען זאל איהם ניט מאכען א בילבול אז ער האט איהם גיהרגי׳ת ווייל

מען

מען האט דאך גיזעהן אז דער בעל הבית איז אריין געגאנגען ביי נאכט צום מלמד און זיי האבען זיך ביידע פערמאכט און א בעזונדער חדר. איז ער אנטלאפען צום רביין קיין אליקער און ער האט דעם רביין דערציילט אז זיין בעל הבית איז צו איהם אריין געקומען בשעת ער האט גילירענט מיט זיינע תלמידים ראשית חכמה און ער האט זיך פאר איהם מתודה גיוועזען אז ער האט געטוהן די אלע עבירות וואס ער האט גילערענט מיט זיינע תלמודים און ער איז ארויס געגאנגען און וואלד אריין און איז דארט געשטארבען:

**האט** איהם דער רבי געענפערט איך קען דיך פאר א עולה כשן מענש אז דיין עבודה איז ריין אהן אשום פנויי ע״כ האב איך דיך געשיקט די זאלסט דארט זיין מלמד כדי דיינע ווערטר וואס זיי וועלען ארויס געהן פון דיין מויל און וואס זיי געהן ארויס פון א ערליך הארץ וועלען אריין געבען און זיין הארץ אריין ער זאל תשובה טוהן. און געלויבט איז גאט וואס זיין תשובה איז נתקבל געווארען דיינע ווערטער האבען עושה רושם געוועזען ביי דעם מענש און ער האט תשובה געטוהן מעמיקא דלבא. נאר ווייל ער האט געהאט ממזרים האט מען איהם נישט אריין געלאזט און גן עדן. איז געווארען א רעש און הימעל ווייל ער איז געוועזען אגרויסער בעל תשובה האט מען גע׳פסק׳ענט און הימעל אז די צוויי ממזרים זאלען תיכף גע׳הרגת ווערין און די צוויי קריסטליכע קינדער וואס זענין גע׳הרגת געווארען לעבען איהם דאס זענען געוועזען זיינע צוויי ממזרים און אזוי ווי זיי זענין גע׳הרגת געווארען האט מען איהם באלד אריין געלאזט און גן עדן אריין. יעצט פאהר אהיים דיין שווער איז א גביר עצום און דיין בני בית זענען אויך גבורים אדורים און זיי קוקען דיך אויס זיי זענין אלע געזינד. השי״ת זאל זיך אויף אינז מרחם זיין מיר זאלען מתקן זיין וואס מיר האבען קאלע געמאכט און ער זאל אינז שיקען דעם גואל צדק במהרה בימינו:

## א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' בער פון מעזריטש ויא אזוי ער האט צו זיך צו געצויגן דעם דאקטער גורדע און ער איז געווארען א צדיק זכותו יגן עלינו.

עס איז געוועזען אין ווילנא א יוד א גרויסער תלמיד חכם. און ער איז געוועזען דער שענסטער מענש פון ווילנא ער האט געהערט ווי מען איז אזוי מפליא דעם רבי'ן פון מעזריטש אז ער וואס גרויסע ווינדערליכע מופתים. ער איז אמאהל געוועזען און מעזריטש האט ער זיך מיישב געוועזען ער וועט ארייין געהן צו דעם רבין זעהן צו דאס אלעס וואס מען זאגט אויף איהם איז אמת. אפשר וועט ער פון איהם הערין דברי תורה און ער וועט מיט איהם ריידין וועט ער זעהן וואס ער איז. צו ער קען לערנען. (וויל דער יוד איז געוועזען א מתנגד און די מתנגדים האבען געהאלטען אז די רבי'ס קענען ניט לערנען) ווי ער איז אריין געקומען צום רבי'ן און דער רבי האט אים געגעבען שלום און ער האט איהם געזאגט די זאלסט וויסען אז ניט די רפואות וואס די דאקטורים גיבען היילען נאר דער דאקטער אליין היילט וויל מיט יעדען דאקטער געהט מיט א מלאך און דער מלאך היילט דעם קראנקען און מיט דעם גרעסטען דאקטער געהט מיט דער מלאך רפאל אליין. מעהר האט דער רבי מיט איהם ניט גירעדט. דעם מענש איז די זאך גיוועזען א ווינדער ער האט ביי זיך גיטראכט איך בין דאך ניט קיין דאקטער צוליעב וואס דערציילט ער מיר דאס. דער מענש איז אוועק גיגאנגען פון רבי'ן מיט א געדאנק אז דעם רבי'נס ווערטער האבען ניט קיין ממש. דער מענש איז זיך געפאהרען זיין וועג אודות מסחר און ער האט זיך געזוימט און וועג דריי חדשים:

ווי ער איז אהיים געקומען איז ער שלאף געווארען און די דאקטורים האבען איהם גאר ניט גיקענט העלפען זיין שלאפקייט איז אלע מאהל געווארען ערגער מען האט גערופען אלע גרעסטע דאקטורים פון דער וועלד און עס האט אלעס גאר ניט געהאלפען עס איז איהם אלע טאג ערגער געווארען ביז עס איז פון איהם צו גענומען געווארען דער כח הדיבור מען האט גיזעהן אז ער איז ממש א גוסס די גאנצע שטאדט האט שטארק געוויינט עס איז געווארען און שטאדט אגרויסער רעש די גאנצע שטאדט איז זיך צונויף געקומען צו דעם שלאפען זיי זאלין זיין ביי יציאת נשמה. די גאס ווי דער שלאפער האט געוואהנט איז גיוועזען פיעל גיפאקט מיט מענשען וואס

**וואָס זענען געשטאַנען מיט טרויעריגע הערצער און געוויינט אויף דעם שלאַפען:**

דער ווייל איז געוואָרען אַ רעש אין גאַס אַז דער דייטשער קומט אָהן קיין ווילנא. איז ביי די יודען געבליבען זיי זאָלען געהן בעטין דעם דייטשישען קיסר ער זאָל שיקען זיין דאָקטער צו דעם שלאַפען (דאָס איז דאָך ידוע אַז מיט יעדען קיסר פאָהרט מיט זיין גרעסטער דאָקטער) אפשר וועט ער איהם קענין העלפין. זיי זענין אַריבער געגאַנגען אויף דער אַכסניא וואָס דער דייטשישער איז איינגעשטאַנען און זיי האָבען געבעטען די שרי המלוכה אַז זאָלען בעטין דעם קיסר אַזוי ווי דער גרעסטער מאַן פון שטאָדט איז שטאַרק שלאַף ע״כ האָבען זיך איינגעזאַמילט און גיקומען בעטען דעם קיסר אַז ער זאָל שיקען דעם דאָקטער צום שלאַפען. דער מלך האָט גיגעבען רשות דעם דאָקטער אַז ער זאָל געהן. דער דאָקטער איז אַריבער גיגאַנגין צום שלאַפען. דער דאָקטער האָט דערזעהן דעם שלאַפען און וואָס פאַר אַ מצב ער האַלט האָט ער זיך געבייזערט אויף די מענשען פאַר וואָס זיי האָבין איהם גערופען צו אַ גוסס צו קען איך מחיי מתים זיין. דער דאָקטער האָט געוואָלט אַרויס געהן נאָר צוליעב דעם ענגשאַפט פון די מענשין וואָס זענין דאָרט גיוועזען האָט ער ניט גיקאָנט עס האָט געדויערט אַ צייט דער ווייל האָט דער דאָקטער דערזעהן און דעם שלאַפען אַ שינוי פון אַ בעסערונג איז ער צו בעגאַנגען צו דעם שלאַפען און ער האָט איהם בעטראַכט און ער האָט געהייסען דעם עולם אַרויס געהן פון שטיב כדי ער זאָל זיך קענין גוט מיישב זיין וואָס פאַר אַ רעצעפט ער זאָל דעם שלאַפען פערשרייבען. דער עולם איז אַרויס גיגאַנגען און דער דאָקטער האָט זיך אַנידער גיזעצט און ער האָט פערשריבען אַ רעצעפט און האָט געשיקט און דער אַפטייק אַריין מען זאָל נעמין די רעצעפט און דער דאָקטער האָט געוואַרט ביז מען וועט ברענגין די רעצעפט איידער מען האָט גיברענגט די רעצעפט האָט דער דאָקטער אָהנגעקוקט דעם שלאַפען האָט ער גיזעהן אַז עס איז איהם נאָך בעסער געוואָרען האָט ער געהייסען צוריק רופען דעם שליח מיט דעם רעצעפט און ער האָט צו גענומען די רעצעפט און ער האָט פערשריבען אַ צווייטע רעצעפט. אַזוי ווי דער שליח איז אַרויס געגאַנגען האָט ער וויטער געקוקט צום שלאַפען האָט ער גיזעהן אַז עס איז איהם נאָך בעסער געוואָרען האָט ער זיך גישעהמט צוריק צו רופען דעם שליח ווייל מען וועט זאָגען אַז ער ווייסט ניט וואָס פאַר אַ רעצעפט צו פערשרייבען האָט ער שוין געוואַרט ביז דער שליח האָט גיברענגט די רעצעפט פון אַפטייק און דער דאָקטער

האָט

האט די רעצעפט אויסגעגאסען עס זאל קיינער נישט בעמערקען און ער איז אזוי געזעסען ביי דעם שלאפען און געקלערט וואס דאס איז. ער האט נאך אזעלכעס קיין מאהל ניט געזעהן און געהערט. דער דאקטער איז אזוי געזעסען ביי דעם שלאפען א שעה צייט און געקלערט וועגען דער שלאפקייט דערווייל האט זיך דער שלאפער אויף געזעצט אויף דעם בעט און ער האט אהנגענומען דעם דאקטער ביי דער האנד און ער האט צו איהם געזאגט איך בעט אייך זיצט ביי מיר נאך אביסעל ווייל מיין רבי האט מיר אזוי געזאגט אז ניט די דאקטורים אליין היילן, ווייל מיט יעדען דאקטער גערט מיט א מלאך וואס ער היילט דעם שלאפען און מיט דעם גרעסטען דאקטער גערט מיט דער מלאך רפאל און איך זעה אז עס איז טאקע אזוי אז איך ווער ב״ה געזונד אהן רעצעפטען ע״כ בעט איך אייך איהר זאלט ביי מיר נאך זיצען אביסעל ווייל איך שפיר ביי זיך אז יעדע רגע וואס איהר זיצט ביי מיר בעקום איך פרישע קרעפטען:

וויא דער דאקטער האט געהערט די רייד פון דעם שלאפען זענען די רייד אריין גיט אין זיין הארץ אריין און ער האט געפרעגט דעם שלאפען ווער דער רבי איז וואס ער האט דיר די רייד געזאגט? דער שלאפער האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה. איך בין אמאהל געוועזען און פוילען און דארט וואהנט א גרויסער רבי א איש קדוש איך האב געהערט ווי מען דערציילט פון איהם ווינדערליכע זאכען. אמת איך אליין האב ניט געגלייבט און דעם. נאר ווייל איך בין פונקט געוועזען אין דער שטאדט ווי דער רבי וואהנט בין איך אריין געגאנגען צום רבי׳ן איך האב זיך געוואלט איבער צייגען צו די זאך איז אמת און אזוי ווי איך בין אריין געקומען צום רבי׳ן האט ער מיר געזאגט די זאלסט וויסען אז ניט די רעצעפטין היילען נאר דער דאקטער אליין היילט ווייל מיט יעדען דאקטער געהט מיט א מלאך וואס ער היילט און מיט דעם גרעסטען דאקטער געהט מיט דער מלאך רפאל. איך אליין האב ניט געהאט קיין אמונה און די רייד נאר יעצט זעה איך אז זיינע רייד זענען בלויז רוח הקודש. האט דער דאקטער געזאגט צום שלאפען לויט דיינע רייד זעה איך אז דער רבי איז א גרויסער חכם אז ער זאל קענען דאס וויסען און דער דאקטער האט זיך פערצייכענט דעם אדרעס פון רבי׳ן און ער האט פערשריבען דעם שלאפען רעצעפטען גוט צו פאר טרייבען פון איהם די שלאפקייט ווייל פון דער שלאפקייט איז ער שוין ארויס נאר ער איז געבליבען אהן כח האט ער איהם געבען רעצעפטען אז ער זאל צוריק קומען צו זיין רעכטען כח. דער דאקטער האט זייער געדאנקט

דעם

דעם שלאפען וואס ער האט איהם דערציילט דעם רבי'נס רייד און איז אוועק געגאנגען צום קיסר און דער שלאפער איז געזינד געווארען כאחד אדם:

**דער** דאקטער איז אהיים געפאהרען מיט דעם קיסר נאר די ווערטער פון דעם שלאפען וואס ער האט זי גיהערט פון רבי'ן ר' בער זעבין דעם דאקטער אריין און הארץ זיי האבען ביי איהם שטארק געווערקט ווייל ער איז גיוועזען א יוד נאר ווייל ער איז גיוועזען א גרויסער עושר און אויף דעם קיסרי'ת דאקטער, האט ער ניט אב געהיטען דעם דת יהודית און איז גיוועזן זייער פערטיפט אין דער תאוה פון ניאוף און ער איז ניט געפאהרען קיין טריט אהן קיין פערליבטער ער פלעגט מיט זיך מיט פיהרען פיעל פערליעבטע די אויבען דערמאנטע ווערטער האבען אבער געמאכט אויף איהם א גרויסען איינדריק. און ער האט ביי זיך אב געפאסט אז ער זאל פאהרען צום רבי'ן ר' בער נאר ער האט אבער ניט געהאט דאס רעכט צו פאהרען פון קיסר ער זאל איהם לאזען אהן א דאקטער און מוטען וועג איז ער מיט דעם קיסר אהיים געפאהרען און האט געדאנקט פון דער דיענסט ער האט געזאגט דעם קיסר דאס ער איז שלאף און ער קען שוין ניט מעהר זיין דיענסט היטען. דער קיסר האט איהם פריי געלאזט פון זיין שטעלע און ער האט זיך צו געגרייט צו דער רייזע ער האט מיט גענומען מיט זיך פיעל געליבטע און ער איז מיט זיי געפאהרען:

**אויף** דעם וועג האט ער זיך בערעכענט וואס טוה איך? איך פאהר צו א צדיק און איך פיהר מיט זיך געליבטע. נאר ווייל עס איז איהם גיוועזען שוועהר זיך אב צו שיידען פון זיי ווייל ער איז גיוועזען שטארק פערטיפט און דער תאוה פון זנות האט ער זיך מיט אמאהל ניט גיקענט אב שיידען פון זיי. נאר ער האט זיי פון זיך אוועק געשיקט איינציגווייז ווען ער איז געקומען לעבין מעזריטש איז ער געבליבען אליין און ער האט פערקויפט זיין קאטש און די פערד. ווייל ער איז יעדען טאג געווארען מעהר צו געצויגען צום דת יהודית און האט זיך דערווייטערט פון תאות עולם הזה און אזוי ווי עס שטעהט „הבא לטהר מסעיין אותו” דער וואס ער ער קומט זיך רייניקען העלפט מען איהם צו פון הימעל, איהם האט מען אויך פון הימעל געהאלפען אז ער איז אויף דעם וועג איבערגיקעהרט גיווארין ער איז געווארען איין אנדערער מענש:

**וויא** ער איז אריין געקומען קיין מעזריטש צום רבי'ן האט איהם דער רבי געזאגט איךווארט שוין לאנג אויף דיר די וועסט מיך היילען רפואות הגוף (ווייל דער רבי ר' בער איז געוועזן א שלאפער) און איך וועל דיך

היילען

היילען רפואות הנפש דאס הייסט איך וויל דיך מחזיר בתשובה זיין. ער איז געזעסען אלאנגע צייט ביי דעם רבין ביז ער איז געווארען א צדיק גמור. השי״ת זאל אינז העלפען מיר זאלען תשובה טוהן מיט אמת׳ע הערצער און מיר זאלען זוכה זיין צו א גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

## אַווּנדערליכע מַעֲשֶׂה פוּן בעש״ט מיט דֶעם רבִּי׳ן ר׳ בֶּער פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זצ״ל.

ווען דער רבי ר׳ בער האט געהערט דאס גרויסקייט פון בע״ש אז ער איז א פועל ישועות און ער ווייזט גרויסע מופתים. און דער רבי ר׳ בער איז געוועזען א גרויסער גאון און ער האט געהאט א גרויסע ידועה אויף און חכמת הקבלה. האט ער זיך נישט געוואלט גלייבען און די אלע מעשיות וואס מען דערציילט פון דעם בעל שם. ער האט זיך מיישב געוועזען און ער איז געפאהרען קיין מעזריטש צום בע״ש ער זאל זעהן צו דאס אלעס וואס מען דערציילט איז אמת. דער רבי איז געוועזען א גרויסער מתמיד אזוי ווי ער איז געוועזען צוויי טעג און וועג און ער האט ניט געקענט לערנען אזוי פיעל ווי און דער היים האט ער חרטה געהאט וואס ער איז געפאהרען ער האט זיך אבער געשטארקט און ער איז געקומען קיין מעזיביז ער האט גערעכענט אז ער וועט אריין קומען צום בעל שם וועט ער איהם זאגען תורה. דער בע״ש האט איהם דערציילט א מעשה אז ער איז אמאהל געפאהרען און וועג אריין און עס האט זיך איהם אויס געלאזט דאס ברויט און ער האט נישט געהאט קיין ברויט צו געבען דעם שמייסער האט זיך איהם מזדמן געווען א ערל און ער האט געטראגען א זאק ברויט און ער האט ביי איהם געקויפט דאס ברויט און ער האט געהאט צו געבין זיין ערל דעם שמייסער. און נאך אזעלכע מעשיות האט ער איהם דערציילט. און דעם צווייטען טאג האט איהם דער בע״ש דערציילט ער איז אמאהל געפאהרען און וועג און ער האט נישט געהאט קיין היי צו געבען זיינע פערד האט זיך מזדמן געווען א ערל מיט היי האט ער ביי איהם געקויפט היי און ער האט געהאט צו געבען זיינע פערד צו עסען וכדומה נאך אזעלכע מעשיות האט

האט ער איהם דער צי"לט. און די אלע מעשיות איז געוועזען בעהאלטען גרויסע חכמות נאר דער רבי ר' בער האט ניט פערשטאנען זיין כונה איז ער געקומען אויפזיין אכסניא און ער האט געזאגט דעם שמייסער איך וואלט נאך געוואלט היינט פאהרען נאר וויל עס איז באלד נאכט צ"כ וועלען מיר דא נעכטיגען ביז די לבנה וועט אויף שיינען עס וועט ווערין ליכטיג וועלין מיר א וועק פאהרען :

נאך האלבע נאכט ווען דער רבי ר' בער האט זיך צו געגרייט צום פאהרין האט דער בע"ש געשיקט זיין משמש צום רביין ר' בער אז ער זאל קומען צו איהם. און דער רבי ר' בער איז תיכף. געגאנגען צום בע"ש. דער בע"ש. האט איהם גיפרעגט די קענסט לערנען ? יא האט ער גיענטפערט האט איהם דער בע"ש געזאגט אמת איך האב טאקי גיהערט אז די קענסט לערנען . האט איהם דער בע"ש וויטער גיפרעגט האסטו א ידיעה בחכמת הקבלה ? האט ער איהם גיענטפערט יא. האט דער בע"ש גיפרעגט דעם רביין ר' בער א מאמר פון ספר פרי עץ חיים. האט דער רבי ר' בער גענומען דאס ספר און ער האט זיך גוט בעקלעהרט און דעם פשט און ער האט געזאגט דעם פשט דעם בע"ש. האט איהם דער בע"ש געזאגט די ווייסט גאר ניט. האט דער רבי ר' בער נאך אמאהל אכטונג גיגעבען און ער האט גיזאגט צום בע"ש דער פשט איז פארט אזוי ווי איך זאג און אויב איהר ווייסט א בעסערין פשט זאגט מיר וועלין מיר זעהן ווער עס זאגט גוט. האט דער בע"ש געזאגט צום רביין ר' בער שטעל דיך אויף. דער רבי ר' בער האט זיך אויף גישטעלט. און דעם מאמר איז גיוועזען פיעל שמות פון מלאכים און אזוי ווי דער בע"ש האט אהנגעהויבען צו זאגען דעם מאמר איז די שטיב פיעל געווארען מיט ליכט און א פלאם פייער האט געפלאקערט ארום זיי. זיי האבען גיזעהן בחיש די מלאכים און שטיב. דער בע"ש האט געזאגט צום רביין ר' בער אמת דער פשט איז אזוי. ווי די האסט געזאגט נאר דיין לימוד איז אהן א נשמה. דער רבי ר' בער האט געהייסען זיין בעל עגלה אהיים פאהרען און ער איז איבער געבליבען ביי דעם בע"ש און ער האט ביי איהם גילערענט און ער איז געווארען זיין גרעסטער תלמוד זי"ע :

## אַ ווינדערליכע מעשה מהרב הצדיק ר׳ פנחס מקאריץ זצ"ל וואס דער רבי ר׳ ישראל מריזין האט זי דערציילט.

דער שפּאָלער זיידע האָט געהאַט אַ חסיד אַ מקורב דער רבי האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט. נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין קינדער. ער האָט יעדענס מאָהל וואס ער איז געקומען קיין שפּאָלע צום רבי׳ן פלעגט ער זיך מזכיר זיין ביי דעם רבי׳ן ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין אַז ער זאָל געהאָלפען ווערין מיט קינדער. דער רבי האָט איהם אַלע מאָהל מדחה געוועזען מיט אַנדערע תרוצים. אַמאָהל איז דער חסיד געפאָהרען קיין שפּאָלע און ער האָט ביי זיך אָב געפּאַסט אַז ער זאָל ניט אַוועק פאָהרען פון רבי׳ן ביז ער וועט איהם מבטיח זיין אַז ער וועט געהאָלפען ווערען מיט קינדער און ער איז טאַקע געקומען צום רבי׳ן און איז צו איהם צו געגאַנגען און האָט איהם געזאָגט רבי העלפט מיר. זייט מתפלל איך זאָל געהאָלפען ווערען מיט קינדער. האָט איהם דער רבי געענפערט לאָז מיך יעצט אָב. איך בין טרוד און אַ זאַך וואָס איז נוגע דעם כלל ישראל. האָט דער חסיד ביי זיך געטראַכט יעצט איז דאָך די בעסטער צייט איך זאָל געהאָלפען ווערען. אַזוי ווי דער רבי וועט יעצט מעורר רחמים זיין פאַר דעם כלל ישראל ווע׳גען, וועל איך אויך געהאָלפען ווערען. איך וועל ניט אָב טרעטען פון רבי׳ן איך וועל איהם אַזוי לאַנג דערקוטשען ביז ער וועט מיר מבטיח זיין אַז איך זאָל האָבין קינדער ער האָט אַזוי געטוהן ער האָט בשום אופן נישט געלאָזט דעם רבי׳ן מעמיק זיין און זיינע טיפע געדאַנקען נאָר ער האָט געהאַלטען און איין וויינען פאַר דעם רבי׳ן אַז ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און זאָל אויף איהם מתפלל זיין אַז ער זאָל געהאָלפען ווערען. דער רבי האָט זיך ביי איהם געבעטען און האָט איהם געזאָגט לאָז מיך צוריה אויב די וועסט מיך נישט אָב לאָזען וועט מיט דיר גאָר נישט גוט זיין. דער חסיד האָט זיך אָבער איין געעקשנ׳ט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָב טרעטען. ער האָט ביי זיך געטראַכט איך בין זיכער אַז דער רבי וועט מיר גאָר ניט טוהן ער איז זעהר אַגוט הערצוגער מענש וועט ער מיך ניט מעניש זיין.

דער רבי איז שטאַרק און כעס געוואָרען אויף דעם חסיד ווייל ער האָט איהם מבלבל געוועזען פון אַ זאַך וואָס עס איז נוגע דעם כלל ישראל האָט ער געזאָגט צום חסיד איך שווער אַז די וועסט ניט האָבען קיין קינדער זייט די וועסט לעבען. האָט דער חסיד געזאָגט צום רבי׳ן אַז איך

קען ביי אייך ניט געהאָלפען ווערין זעה איך אז איך גיהער ניט צו אייך
ע״כ מוז איך אַוועק פאָהרען פון אייך און מיר זוכען אַ צווייטען רבין
דער חסיד איז אַהיים געפאָהרען זייער טרויעריג ווייל ער האָט געוויסט
אז דעם רבי׳נס ווערטער וועלען עושה רושם זיין און הימעל ער האָט זיך
שוין כמעט מייאש גיוועזען פון קינדער האָבין:

אמאהל איז דער חסיד געפאָהרען קיין קאָריץ אויף אַ יריד נאָך דעם
יריד איז ער אַריין געגאַנגען און בית המדרש אַריין האָט ער
גיזעהן ר׳ פנחס קאָרצער זיצען און לערנען דאָס איז נאָך גיוועזען איידער
ער איז נתגלה געוואָרען אַז ער איז אַ איש קדוש. נאָר דער חסיד האָט
גיזעהן זיין לערנען און זיין התנהגות האָט ער גיזעהן אַז ער איז אַ איש
אלהים. האָט דער חסיד גיפרעגט ביי די מענשען וואָס זענין גיוועזען און
בית המדרש פון וואָס זיין פרנסה איז? האָט מען איהם גיענטפערט אַז
ער איז אַ גרויסער אָרימאַן און ער לערינט תורה מתוך הדחק ער לייד ממש
הינגער. עס איז דאַמאָלסט גיוועזען פאַר פסח און ר׳ פנחס׳על האָט גיגעבין
אַ זיפץ און ער האָט געזאָגט ער האָט מורא ער זאָל ניט דארפען מבטל
זיין דאָס לערנען כדי ער זאָל זוכען געלד אויף פסח. מען האָט דאָס דער
ציילט דעם חסיד האָט זיך דער חסיד געטראַכט יעצט איז געקומען די
צייט וואָס איך קען געהאָלפען ווערען:

און ער איז אַהיים געגאַנגען צו ר׳ פנחס ווייב און ער האָט זי געפרעגט
צו זי האָט געלד אויף יום טוב? האָט זי איהם גיענפערט אַז זי האָט
ניט קיין פרוטה. האָט דער חסיד אַרויס גענומען געלד און ער האָט איהר
געגעבען און ער האָט איהר געהייסען קויפען אַלעס וואָס מען דאַרף אויף פסח
מצות שמירה און עופות און וויין און ער האָט געקויפט אַ טיש מיט שטילען
און ער האָט געהייסען אָהנגרייטען אויף יום טוב אַלעס בהרחוה ווייל ער
וויל דאָ זיין יום טוב. און ער האָט זי געבעטען אַז זי זאָל נישט דערציילען
פאַר איהר מאַן ביז פסח ביי נאַכט. זי האָט גענומען דאָס געלד און האָט
אַזוי געטוהן אַזוי ווי דער חסיד האָט זי געהייסען. און דער חסיד איז אַלע
מאָהל אַריין געקומען זעהן וואָס עס פעהלט נאָך. צו מען דאַרף נאָך געלד
ער האָט געזעהן אַז ער זאָל אַלעס זיין אָהן געגרייד אויף דעם בעסטען
אופן גלייך ווי ביי דעם גרעסטען גביר ער האָט געהייסען קויפען גרויסע
ליכט אויף יום טוב זיי זאָלען זיך ברענען אַ לאַנגע צייט. ר׳ פנחס׳ל האָט
זיך געוואונדערט וואָס זיין ווייב לאָזט איהם צו רוה זי רעדט איהם ניט קיין
געלד. ער האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט ער האָט זי גאר נישט איבער

גיפרעגט

גיפרעגט ווי זי וועט נעמען געלד אויף פסח ווייל ער האָט זיך זייער געפריידט אַז זי דערקוטשעט איהם נישט און ער קאָן זיצען און לערנען. ערב פסח איז ער געגאַנגען אין מקוה אַריין און האָט זיך טובל געווען לכבוד יום טוב און איז צוריק געגאַנגען און בית המדרש אַריין און האָט זיך געזעצט לערנען. דער גביר האָט געקויפט גוטען וויין אויף אַרבע כוסות און ער האָט געקויפט פאַר ר׳ פנחס וועגען מלבושים אויף יום טוב און פאַר זיין גאַנץ בני בית וועגען:

ביי נאַכט איז ר׳ פנחס׳ל געגאַנגען אין בית המדרש אַריין דאַווענען און דער צייט וואָס ר׳ פנחס׳ל איז געוועזען און בית המדרש האָט דער חסיד צו געגרייט אַלעס וואָס מען דאַרף צום סדר און ער האָט אָהנגעצינדין אַ סאַך ליכט און שטיב איז געוואָהרען ליכטיג. ר׳ פנחס׳ל איז אַ היים געקומען פון בית המדרש און ער האָט גיזעהן ווי עס איז און שטיב ליכטיג און עס איז אַלעס אָהנגעגרייט אויף דעם בעסטען אופן. איז ער געוואָרען זייער פריילך און ער האָט גיפרעגט ווער עס האָט דאָס אַלעס אָהנגעגרייט און זיין ווייב האָט איהם צו געטראָגען דאָס נייע מלבוש וואָס דער אורח האָט געקויפט פאַר זייניט וועגען. ר׳ פנחס׳ל האָט גיגעבען דעם אורח שלום און ער האָט מיט איהם גאָר ניט גירעדט נאָר ער האָט זיך גיזעצט צום סדר און ער האָט אָבגירעכט דעם סדר מיט גרויס התלהבות. און מיטען דעם עסין האָט ר׳ פנחס׳ל גיפרעגט דעם אורח וואָס טוהט איהר דאָ וואָס איז אייער מבוקש. ער האָט פערשטאַנען אַז ער האָט עפּיס אַ בקשה. דער אורח האָט דערציילט ר׳ פנחס׳לען אַז ער איז ביז יעצט געפאָהרען צום שפּאָלער זיידען און דער שפּאָלער זיידע האָט געשוואָהרען אַז ער וועט ניט האָבען קיין קינדער יעצט בין איך געקומען צו אייך אַז איהר זאָלט מיר העלפען איך זאָל געהאָלפען ווערען מיט קינדער האָט ר׳ פנחס׳ל געזאָגט אויב איך האָב עפּיס אַ זכות און הימעל שווער איך אַז אין אַ יאָהר אַרום וועט איהר האָבען אַ קינד צום לעבען און עס איז אַזוי גיוועזען ער איז געהאָלפין געוואָרען מיט אַ בן זכר:

ווען רבי מרוזין האָט דערציילט אַז אַזוי ווי ר׳ פנחס׳ל האָט געשוואָהרען אַז ער וועט געהאָלפען ווערין מיט אַ בן זכר איז געוואָרען אַ רעש אין הימעל וועמעס שבועה מען זאָל מקיים זיין האָט מען געפּסק׳ענט מען זאָל זעהן ווער עס האָט נאָך קיינמאָהל ניט געשוואָהרען אַפילו אויף אמת זיין שבועה זאָל מען מקיים זיין. האָט מען גיזעהן אַז דער שפּאָלער זיידע האָט

האט שוין אמאהל געשוואהרען און ר׳ פנחס׳ל האט נאך קיינמאהל ניט געשוואהרען האט מען ר׳ פנחס׳עלס שבועה מקיים געוועזען זי״ע:

# א וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ משה לייב מסאסוב זצ״ל.

דער רבי ר׳ משה לייב מסאסוב פלעגט צו פאהרען אויף ירידים שפי אפשר דארף מען א יוד עפיס העלפען אזוי ווי עס קומט אויס אויף א יריד איינעם ווערט צו בראכען דער וואגען און איינעם בעדרעהט זיך דער וואגען און מען דארף איהם העלפען פלעגט ער צו פאהרען כדי ער זאל העלפען ער האט געוואלט מקיים זיין אזעלכע מצות וואס און דער היים האט ער זיי ניט געקענט מקיים זיין ווייל און דער היים קען דאך איהם יעדער איינער וועט מען דאך איהם ניט לאזען טוהן אזעלכע ארבייט. אמאהל האט ער געזעהן אז מען האט געברענגט אויף דעם יריד קעלבער און זיי ליגען געבינדען און קיינער גיט זיי ניט קיין וואסער צו טרינקען איז דער רבי געלאפען צו אבריגע און ער האט אגעשעפט א כלי וואסער און ער האט אנגעטרינקען די קעלבער. א צווייטער סוחר האט געזעהן ווי ער טרינקט אהן די קעלבער. האט ער צו איהם געזאגט טרינק מיינע קעלבער אויך אהן איך וועל דיר בעצאהלען ער האט גענומען די כלי און האט געוואלט געהן נאך וואסער איז צו געקומען אמענש וואס ער האט איהם דערקענט און ער האט איהם געפרעגט רבי וואס טוהט איהר דא? איז ער תיכף אוועק געגאנגען פון דארט ער האט ניט געוואלט אנמאכען קיין רעש זכותו יגן עלינו:

# נאך א מעשה פון רבי׳ן ר׳ משה לייב מסאסוב זצ״ל

אמאהל אין ערב יום כפור בעת דער גאנצער עולם איז געגאנגען און שוהל ארייז צו כל נדרי אין דעם רביינס בית המדרש איז אויך שוין געוועזען פיעל מיט חסידים און זיי האבען געווארט אויף דעם רבי׳ן דא.

דער רבי איז אָבער ניט געקומען. ער האָט אָבער אָהנגעזאָגט זיינע חסידים אַז אויב ער וועט זיך אַמאָהל פערשפּעטיגען זאָלען זיי אויף איהם ניט וואַרטען און זיי זאָלען דאַווינען. האָבען יעצט די חסידים ניט געוואַרט אויף איהם און האָבען אָהנגעהויבען זאָגען כל נדרי אָהן דעם רבי'ן. און מיטען דאַווינען איז דער רבי אָהנגעקומען. די חסידים האָבען אָהנגעהויבען חוקר ודורש זיין פאַר וואָס דער רבי איז געקומען אַזוי שפּעט זענען זיי געוואָהר געוואָרען אַז בעת ער איז געגאַנגען דאַווינען האָט ער גיהערט וויינען אַ קינד איז ער צו געגאַנגען זעהן וואָס דאָרט איז. האָט ער גיזעהן אַז עס איז קיינער ניט דאָ און דער היים נאָר דאָס קינד איז אַליין די עלטערין פון דעם קינד זענען געגאַנגען דאַווינען און זיי האָבען איבער געלאָזט דאָס קינד אַליין. דער רבי האָט רחמנות געהאַט אויף דעם קינד און ער האָט עס פערשפּיעלט ביז עס איז אַנטשלאָפען געוואָרען דעמאָלס איז הערשט דער רבי געגאַנגען און בית המדרש אַריין דאַווינען און ער איז שוין אָהנגעקומען און מוטען דאַווינען. זי"ע:

## נאָך אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' משה לייב סאַסובער זצ"ל.

און אַ דאָרף איז אַ אשה געגאַנגען שווער צום קינד האָט מען געשיקט אַ שליח צום רבי'ן ר' משה לייב ער זאָל אויף איהר מתפלל זיין. דער שליח האָט ניט גיקענט דעם רבי'ן ער איז אַריין געקומען קיין סאַסוב צוויי אַ זייגער ביינאַכט און ער האָט ניט געוויסט ווי צו געהן. אויף דער גאַס איז גיוועזען פינצטער האָט ער גיזעהן פון דער וויטענס ווי עס לייכט זיך אין איין שטיב איז ער צו געגאַנגען און דאָס איז גיוועזען דעם רבי'נס הויז און דער רבי איז שוין גיוועזען אויף. דער שליח האָט אָהנגעקלאַפּט ביי דער טיהר. דער רבי האָט איהם גיעפענט די טיהר. ער האָט גיפרעגט דעם רבי'ן צו ער וועט קענען דאָ נעכטיגען דער רבי האָט איהם גיגעבען אַ ביסעל יי"ש צו טרינקען און ער האָט איהם גיפרעגט וואָס ער טוט דאָ? האָט ער איהם גיענטפערט אַז מען האָט איהם געשיקט צום רבי'ן פון אַ דאָרף אַז אַ אשה געהט שווער צום קינד דער רבי זאָל אויף איהר מתפלל זיין האָט איהם דער רבי געזאָגט ווי וועסטו יעצט געהן עס איז דאָך פינצטער לעג דיך שלאָפען און דער פריה וועל איך מיט דיר געהן צום רבי'ן און איך וועל

פאַר דיר רײדען ווײל איך בין בײ איהם חשוב. דער ווײל האָט ער איהם גיפרעגט ווי אַזוי די יולדת הײסט און ווי אַזוי איהר מוטער הײסט. דער רבי איז אַרײן געגאַנגען און קעך אַרײן און ער האָט איהם אַרײן גיבראַכט עסין און ער האָט איהם געגרײט צום טיש דער שליח האָט אָב גיגעסין נאָך דעם האָט איהם דער רבי גיבעט אַ גילעגער און דער שליח האָט זיך געלײגט שלאָפען. און דער פריה האָט זיך דער שליח אויף געהויבען האָט ער זיך בערעכענט וואָס האָב איך דאָ געטוהן מען האָט מיך געשיקט איך זאָל געהן צום רבי'ן מזכיר זײן די יולדת צום סוף האָב איך גיגעסען און בעטרינקען און זיך געלײגט שלאָפען. האָט איהם דער רבי געזאָגט. דער רבי האָט מיר געזאָגט אַז זי האָט שוין געהאַט אַ יונגעל (דער שליח האָט גירעכינט אַז דאָס איז ניט דער רבי) געה און זאָג אַבשורה צו איהרע קרובים וואָס זײ וואָהנען הי׳ער אַז זי האָט געהאַט אַ בן זכר. דער שליח איז אַרויס גיגאַנגען פון רבי'נס שטיב ווי אַ צעמישטער ער האָט ניט געוויסט וואָס מיט איהם איז גישעהן. ווי ער איז אַרויס געגאַנגען איז ער געוואָהר געוואָרען אַז דאָס איז גיוועזען דער רבי. דער רבי אַלײן האָט זיך מיט איהם געפּאָרעט ער האָט מקוים גיוועזען מצות הכנסת אורחים כהוגן. ווײל ווען ער זאָל גיוועזען וויסען אַז דאָס איז דער רבי וואָלט ער דאָך ניט גיוועזען געלאָזט אַז דער רבי זאָל זיך מטריח זײן פאַר זײנעט וועגין זי"ע:

# אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' משה לייב מסאַסוב זצ"ל וואָס ר' פאַוויש מבאַלשעווץ האָט זי דערציילט.

ר' פײוויש מבאַלשעווץ איז געפאָרען צום רבין ר' אלימלך מליזענסק נאָך דעם ווי דער רבי ר' אלימלך איז נפטר געוואָרען און ר' פײוויש איז שוין געוועזען אַלט האָט ער געוואָלט פאָהרען קײן סאַסוב צום רבי'ן ר' משה לײב נאָך דעם איז איהם אײנגעפאַלען און געדאַנק אַז עס איז ניט שעהן פאַר אַזאַ מענש (דער ר' פײוויש איז געוועזען אַ בעל מדרגה יתר) צו פאָהרען צו אַהײנטיגען רבין נאָך דעם רבין ר' אלימלך. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז מעשה שטן האָט ער אויף דעם ניט געקוקט דער שטן איז אָבער אויך ניט קײן שוטה ער זעהט עס העלפט ניט די עצה גיט ער זיך אַ אַנדערע עצה און רײדט איהם אײן, וואָס! עס איז דאָך

ווינטער און די ביסט דאך א אלטער מאן ווי אזוי קענסטו דיך איינשטעלען און א סכנה צו פארען און אזא קעלט. ער האט אבער פערשטאנען אז דאס איז אויך מעשה שטן און ער האט אויף דעם אלעמען ניט געקוקט ער איז געפארען אין דער קעלט. אויף דעם וועג איז איהם איינגעפאלען א ספק אפשר איז דער רבי ניטשט דא און דער היים ווייל דער רבי ר׳ משה לייב פלעגט ארום צו פאהרען. דער ספק האט איהם שוין אביסעל טרויעריג געמאכט ווייל די קעלט איז זייער שווער געוועזען. און בעזינדער דער ספק אפשר איז דער רבי ניטשט דא אין דער היים איז די גאנצע נסיעה און דאס ליידען בחנם :

**דמאלסט** איז דער רבי ר׳ הירש זידיטשיבער (איידער ער איז געוועזען רבי) געוועזען און סאסוב פליצלינג האט איהם דער רבי אריין גערופען און ער האט איהם געזאגט פאהר תיכף אהיים. דער רבי ר׳ הירש האט זיך ביי איהם אנגעהויבען זייער צו בעטען ער זאל איהם ערלויבען דא צו זיין ביז עס וועט ווערען לינדער אין דראסען. דער רבי האט געזאגט די מוזט שוין אהיים פאהרען. ער האט זיך געמוזט דינגען אפיהר און איז אהיים געפאהרען ער איז געקומען און מיט וועג האט ער געזעהן פון דער ווייטענס ווי א וואגען האט זיך איבער געדרייט ווייל עס איז זייער א שלעכטער וועג און דער וואגען איז געוועזען ר׳ פייוועשעס וואגען דער וואגען האט זיך איבער געדרייט און ר׳ פאוויש איז ארויס געפאלען ר׳ פייוויש האט שטארק געציטערט עס איז איהם געווען זייער שלעכט ער האט שטארק געליטען אויף דעם וועג פון דער קעלט און ער האט נאך אלעס מורא געהאט אפשר איז דער רבי נאך ניטשט דא אין דער היים און זיין גאנצע פלאגע איז גאר בחנם. ווי דער רבי ר׳ הירש האט דערזעהן פון דער ווייטענס ווי דער וואגען האט זיך איבער געדרייט איז ער אראב געשפרינגען פון זיין וואגען און איז צו געלאפען העלפען די מענשען זיי אויף הייבען און דעם וואגען אויף שטעלען. ווי דער רבי ר׳ הירש איז געקומען צו דעם וואגען און ער האט געזעהן פייווישען ליגען האט ער איהם אויף געשטעלט און ער האט איהם געגעבען שלום. ר׳ פייוויש האט איהם געפרעגט צו דער רבי ר׳ משה לייב מסאסוב איז דא און דער היים ? האט דער רבי ר׳ הירש איהם גיענפערט אז ער איז אין דער היים :

**האט** ר׳ פאוויש דערציילט ר׳ הירשען אללעס וואס ער האט געהאט ביי דער נסיעה. און ר׳ הירש האט דערציילט ווי זיין רבי האט איהם אריין גערופען און ער האט איהם געהייסען תיכף אהיים פאהרען אהן א שום

הירוץ

תירוץ. האָבען זיי פערשטאַנען אַז דאָס איז געוועזען יעם רבינ'ס כוונה כדי ער זאָל אַ קעגען פאָהרען ר' פּאָווישען ווייל דער רבי האָט געזעהן זיינע סיבות אויף דעם וועג איז ר' הירש צוריק מיט ר' פּייוויש'ען קיין סאַסוב. דער זכות פון די צדיקים זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען בכל טוב אמן:

## נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּי'ן ר' משֶׁה לֵייב מסאסוב זצ"ל וואָס דער רֶבִּי ר' הִירְשׁ זִידִיטְשׁוֹבֶער האָט זי דערציילט

דער רבי הירש זידיטשובער האָט דערציילט בזה הלשון. איך בין געוועזען דעם רביין ר' משה לייבס אַ תלמוד אַמאָהל האָב איך געוואָלט זעהן ווי אַזוי ער רעכט אָב חצות. האָב איך זיך בעהאַלטען און שטיב דער רבי זאָל מיך ניט זעהן כדי איך זאָל זעהן זיין התנהגות. האַלבע נאַכט האָט זיך דער רבי אָהנגעטוהן קריסטליכע מלבושים און ער האָט גענומען אַ גראָב שטיק האָלץ און אַ האַק און דער האַנד אַריין און ער איז אַרויס געגאַנגען און דרויסען. איך בין איהם נאָך געגאַנגען ער זאָל מיך ניט זעהן ביז ער צו געקומען צו איין שטיב וואָס דאָרט האָט אַ אשה געבאָהרען אַ קינד אין דער צייט. און די אשה איז געוועזען זייער אָרום. און שטיב איז געוועזען זייער קאַלט עס איז געוועזען אין ווינטער און די יולדת האָט געציטערט פאַר קעלט דער רבי האָט געזאָגט צו דער יולדת אויף פּויליש איך האָב אַ שטיק האָלץ צו פערקויפען קויף עס ביי מיר איך וועל עס אויך פערקויפין וואָלוועל. האָט די יולדת געענטפערט איך האָב ניט אפילו קיין איין פרוטה. האָט ער איהר געענטפערט געלד וועל איך ביי דיר נעמען מאָרגען נעם נאָר צו דאָס האָלץ. האָט זי געענטפערט וואָס וועט מיר העלפין דאָס האָלץ עס איז דאָך גראָב איך דאַרף דאָך מען זאָל עס צו האַקען אויף קליינע שטיקלעך און איך האָב דאָך ניט קיין האַק. האָט ער איהר געענטפערט איך האָב אַ האַק און איך וועל דיר צו האַקען דאָס האָלץ. אויף קליינע שטיקלעך און ער האָט געזאָגט תיקון לאה. און נאָך דעם האָט ער איין געהייצט דעם אויבען און ער האָט אָהנגעהויבען צו זאָגען תיקון רחל און איז אַהיים געגאַנגען און ער האָט אויס געטוהן די קריסטליכע מלבושים אין ער האָט זיך אָהנגעטוהן זיינע מלבושים זיי״ש:

## א גוט ווארט פון רבי'ן ר' משה לייב מסאסוב זצ"ל.

דער רבי ר' משה לייב האט געזאגט אז ער האט זיך אויסגעלערינט אהבת ישראל פון א דארפסמאן. א דארפסמאן איז צמאהל געזעסען און געטרונקען מיט נאך עטליכע דארפסלייט זיי זענין אביסעל שיכור געווארען האט ער גיפרעגט א צווייטען די האסט מיך ליעב? האט איהם דער צווייטער גיענטפערט איך האב דיך גוט ליעב האט ער איהם געזאגט די זאגסט אז די האסט מיך ליעב און די ווייסט ניט וואס מיר פעהלט ווען די זאלסט מיך באמת ליעב האבען וואלסטו געוויסט וואס מיר פעהלט האט דער צווייטער געשוויגען און ער האט איהם גאר ניט געענטפערט. פון דאנען האט ער זיך אויסגילערינט אז ליעב צו האבען א יוד דארף מען וויסען וואס עס פעהלט איהם און אז עס איז א יוד שלעכט דארף ביי איהם זיין ווי עס איז איהם שלעכט. דאס הייסט מען האט ליעב א יוד!

---

## א ווידערליכע מעשה פון רבי'ן מנעשחיז און פון רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל.

דער רבי ר' אורי איז געוועזען ר' שלמה קארלינערס א תלמוד. איידער ר' שלמה קארלינער איז נפטר געווארען האט ער אנגעזאגט זיינע תלמודים זיי זאלען פארען קיין נעשחיז. ר' אורי איז תיכף געגאנגען צו פיס קיין נעשחיז ווייל ער איז געוועזען א ארימאן ער האט זיך ניט געקענט דינגען א פיהר האט ער געמוזט געהן צו פיס ווי ער איז געקומען קיין נעשחיז איז ער גלייך אריין געגאנגען צום רבי'ן נעמען שלום איז דארט געשטאנען א גביר. ער איז זיך געקומען מיעץ זיין מיט דעם רבין וועגען א מסחר און דער רבי האט איהם שעהן אויף גענומען. דער רבי ר' אורי האט אבער דערקענט אין דעם גביר'ס פנים אצייכען פון ניאוף ווארים הערשט נישט לאנג האט ער געזינדיגט מיט א אשת איש האט דעם רבי'ן ר' אורי שטארק פערדראסען פאר וואס דער רבי איז איהם אזוי מקרב דער רבי פון נעשחיז האט דאס מרגיש געוועזען אז דער רבי ר' אורי איז שטארק בכעס אויף דעם גביר האט ער מורא געהאט אז ער זאל דעם גביר נישט אנזידלען האט דער רבי פון נעשחיז געזאגט צו ר' אורי געה ארויס פון מיין שטיב וועס

וואָס טוהסטו ביי מיר און שטיב. ר׳ אורי איז נעבעך ארויס געגאנגען בפחי נפש און איז אריין געגאנגען און בית המדרש אריין:

ווי דער גביר איז ארויס געגאנגען פין רבי׳ן איז דער רבי אריין געגאנגען און בית המדרש אריין זוכען דעם טייערען אורח דעם רביין ר׳ אורי מסטרעלסק ער האָט איהם געטראָפען אין בית המדרש און ער האָט איהם געגעבען שלום און ער האָט איהם געזאָגט איך האָב אויך געזעהן וואָס די האָסט געזעהן. נאָר ווייסט פאר וואָס דער רבי האָט דיך א הער געשיקט כדי די זאָלסט דיך אויסלערנען אז אמענש וואָס די אהבת ישראל איז ניט ביי איהם אזוי שטארק אז אפילו ער זעהט אמענש וואָס ער האָט געטוהן איין גרויסע עבירה און ער זאָל איהם ליעב האָבען און ער זאָל איהם קישען, אויב ער קען דאָס נישט טוהן איז ער נישט געקומען צו האַלב עבודות השם. וואָרים אַז די וועסט איהם מקרב זיין וועט ער בלי ספק טוהן תשובה אָבער אַז די וועסט דיך אויף איהם בייזערן וועט ער פון דיר אַנטלויפען און ער וועט ניט טוהן קיין תשובה. ווי ר׳ אורי האָט געהערט די רייד האָט ער געזעהן ווי גרויס דער רבי איז און ווי ער האָט אַקלאָרען רוח הקודש און ער איז געוואָרען זיינס אַ תלמוד זכות הצדיקים יגן עלינו:

# אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ אורי מסטרעלסק עם הרב ר׳ שלום מבעלז זצ״ל.

דער רבי ר׳ שלום מבעלז איז געפאָהרען צום רבי׳ן מלובלין און צום רבי׳ן ר׳ שלמה ליצקער. נאָך זייער הסתלקות איז ער שוין ניט געפאָהרען צו קיין רבי׳ן. אַמאָהל איז ר׳ שלום געקומען אין דער שטאָדט בעלקאַן און ער איז איינגעשטאַנען און אין אַכסניא וואָס דער בעל אַכסניא איז געפאָהרען קיין סטרעלסק. און דער בעל אַכסניא האָט געהאַט אַ דבר נחוץ זיך מייעץ זיין מיט אַ רבי׳ן. האָט ער גיבעטען ר׳ שלום׳ן אַז ער זאָל מיט איהם פאָהרען קיין סטרעלסק. ר׳ שלום האָט ביי זיך געטראכט ווי קומט אז דער מענש זאָל מיך בעטען אז איך זאָל מיט איהם פאָהרען קיין סטרעלסק עס איז אסיבה מן השמים מן הסתם וויל מען פון הימעל אז איך זאָל זיין און סטרעלסק ביי דעם רבי׳ן ער האָט צו געזאָגט דעם

בעל

בעל אכסניא אז ער ווערט מיט איהם פאָהרען קיין סטרעלסק. אביסעל שפעטער איז דער בעל אכסניא צו געקומען צו ר׳ שלום און ער האָט איהם גיזאָגט אזוי ווי ער האָט ניט קיין צייט צו פאָהרען ע״כ בעט ער איהם אז ער זאָל אליין פאָהרען איך וועל איהם דינגען א פוהר און איך וועל איהם אויסהאלטען אלע איבעריגע הוצאות. דער ר׳ שלום האָט זיך זייער באַוואונדערט היתכן ווי גענומט זיך אזא שטאָלצקייט צו דעם בעל אַכסניא אז ער זאָל איהם מאַכען פאַר א שליח ווייל ר׳ שלום איז שוין גיוועזען באַוואוסט אויף דער וועלט ער האָט זיך געפיהרט רבי׳ש לכן איז איהם די זאַך גיוועזען אַ פלא:

נאָך ר׳ שלום האָט אָבער פערשטאַנען אַז דאָס איז זיכער השגחת הבורא אז ער זאָל פאָהרען קיין סטרעלסק האָט ער גיענטפערט דעם בעל אַכסניא אַז ער איז גרייט צו פאָהרען. דער בעל אַכסניא האָט איהם גידינגען אַ פוהר און ער האָט איהם מיט גיגעבען געלד אויף הוצאות און ער איז געפאָהרען קיין סטרעלסק. ער איז אַריין געקומען קיין סטרעלסק האָט דער רבי געהאַלטען און מיטען דאַווינען איז ר׳ שלום אויך גענאַנגען און רבי׳נס בית המדרש אַריין דאַווינען און ער האָט זיך גישטעלט לעבין דעם רבי׳ן ווי ער האָט געהאַלטען פאַר שמונה עשרה האָט ער גיקלערט צו ער מעג דאָ דאַווינען שמונה עשרה צו ניט ווייל דער דין איז אַז אַ מענש טאָהר ניט דאַווינען אונטער זיין רבי׳ן האָט ר׳ שלום גיקלערט צו דער רבי ר׳ אורי הייסט זיין רבי צו ניט ווייל ער איז דאָך הערשט געקומען צו איהם דאָס ערשטע מאָהל קען זיין אז ער הייסט נאָך ניט זיין רבי און ביי איהם געבליבען במוסכם אַז ער זאָל זיך אָב ריקען און דער זייט אַריין און ער האָט אַזוי געטוהן און ער האָט זיך געשטעלט שמונה עשרה און דער זייט

נאָך דעם דאַווינען איז ר׳ שלום אַריין גענאַנגען צום רבי׳ן געמען שלום האָט איהם דער רבי גיפרעגט וואָס האָסטו אַזוי גיקלערט ביי דעם דאַווינען צו איך בין דיין רבי צו ניין און דאָך איז ביי דיר געבליבען אַז איך בין יאָ דיין רבי. ר׳ שלום איז זייער נתפעל געוואָרען פון דעם רבי׳נס רוח הקודש אַז ער האָט גיזעהן מיט רוח הקודש וואָס ער האָט געטראַכט האָט ער איהם אויף זיך מקבל גיוועזען פאַר אַ רבי׳ן זכות הצדיקים יעמוד לנו ולכל ישראל אמן:

# וויא אזוי דער יוד הקדוש איז געפאהרען קיין לובלין.

דער הייליגער רבי ר' יעקב יצחק זכרונו לברכה פון פשיסחא וואס מען האט איהם גערופען „יוד הקדוש" האט געוואהנט און זיינע יונגע יאהרען אין אפט. דען ער איז דארט געוועזען א איידעם. פון איינעם וואס ער האט געהאלטען א ראזלעווונע און די ראזלעוונע איז געוועזען אויף זיין שוויגערס נאמען זי האט געהייסען גאלדעלע און זי האט איהם געגעבען עטליכע יאהר קעסט און ער איז געזעסען און געלערענט יומם ולילה. און ער איז געוועזען מפורסים און דער גאנצער שטאדט פאר א גרויסען גאון אבער פאר קיין חסיד האט מען איהם נישט געהאלטען. און דאמאלסט איז אין אפט געוועזען אסאך יונגע לייט וואס זיי זענען געוועזען מפורסם און תורה און חסידות. זיי פלעגען צו פאהרען טייל קיין לובלין. און א טייל קיין קאזעניץ און אין אפט אליין האט געוואהנט דער הייליגער „אוהב ישראל" וואס ער איז דער נאך געוועזען דער מעזעבעזער רבי:

און ווייל דער יוד הקדוש איז זייער חשוב געוועזען ביי אלע יונגע לייט דורך גאונת האבען זיי איהם צו גערעדט אז ער זאל פאהרען צו א רבי'ן אבער ער האט זיי נישט געוואלט פאלגען. אויך האט מען איהם געהאלטען אז ער איז זיך נישט טובל אין קיין מקוה. דען אין אפט איז געוועזען א טיפע מקוה מען האט געדארפען אראב צו גיין ניינציג שטאפלען ביז דעם וואסער און עס איז נישט מעגליך געוועזען זי צו דערווארומען. דריבער איז זי זייער קאלט געוועזען און ווינטער איז זי געפרוירען געווארען. און אויך דורך דער טיפעניש איז געוועזען אשרעק אראב צו געהן איינער אליין. נאר עס פלעגען זיך צו בעמען צעהן פערזאן חסידים און זיי האבען געמאכט א גרויס פייער אז זיי זאלען זיך קענען דער ווארימען באלד אזוי ווי זיי זענען ארויף געקומען פון וואסער. און ווייל דער „יוד הקדוש" איז קיינמאהל מיט זיי נישט געגאנגען האבען זיי גערעכענט אז ער איז זיך פאר געוויס קיינמאהל נישט טובל און קיין מקוה ווארען איינער אליין איז דאך אינמעגלעך זיך טובל צו זיין:

אבער און אמת האט ער זיך אלע טאג טובל גיוועזען איינער אליין. און ער האט זיך אזוי געפיהרט אז ער פלעגט אויף צו שטיין נאך האלבע נאכט און איז איינער אליין געגאנגען און מקוה אריין און האט קיין שום פייער נישט געמאכט נאר אזוי ווי ער איז ארויס געגאנגען פון וואסער האט ער זיך אהנגעטוהן און אהיים געגאנגען און אב גירעכט חצות. און

האט

האט דערנאך גילערענט עטליכע שעה קבלה און שטיב. דערנאך פאר טאג האט ער זיך צוריק געלייגט און בעט אריין און האט זיך אויפגעהויבען צו גיין און בית המדרש אריין ווען דאס בית המדרש איז שוין גיוועזען פיהל. און מען האט נאך דערקענט און זיינע האהר אז ער האט זיך הערשט אויף געהויבען. ער איז מיט זיי קיינמאהל ניט געגאנגען אין מקוה אריין דריבער האבין זיי גירעכענט ער גייט ניט געוויס אין מקוה אריין. אויך האבען זיי איהם קיינמאהל נישט גיזעהן לערנען קיין קבלה אויך ניט קיין חסידות. וויל ער פלעגט דאס צו לערנען פאר טאג אין דער היים. אויך האבען זיי איהם ניט גיזעהן דאווינען און דער צייט און מיט מנין נאר אמאהל און עטליכע וואכין אבער און מעהרסטען טייל פלעגט ער צו דאווינען אליין און דער היים. וויל ער איז גיוועזען דער ערשטער פון די רבי׳ס וואס האבען אהנגעהובין שפעט צו דאווינען. און ער האט ניט געוואלט אז די יונגע לייט זאלען מיט איהם האבען צו טוהן דריבער פלעגט ער אליין צו דאווינען אהן מנין. און זיין שווער האט געהאט א גרויסען בוידעם מיט היי. וואס די בעלי עגלות פלעגין דארט צו קויפען ווען זיי זענין א דורך געפאהרען. פאר די פערד עסין. און ער פלעגט שטענדיג צו קויפען שטרוי און היי און ארויף לייגען אויפען בוידעם איז דער בוידעם שטענדיג פיהל גיוועזען און מען האט איהם קיינמאהל ניט אויסגעליידיגט:

**אין** דער יוד הקדוש געגאנגען אויפען בוידעם און האט זיך אויסגעליידיגט איין ווינקעלע עס זאל קיינער דערפין ניט וויסען און פלעגט דארט צו דאווינען מיט א גרויסען ברען און מיט הייליגע מורא פאר השי״ת ער פלעגט דער נאך ווען ער איז שוין גיוועזען רבי דערציילען אז די ציין זענען איהם דארט ארויס געפאלען פאר מורא פאר השי״ת. און פון דעם אז ער האט דארט געדאווינט האט קיין שום מענש ניט געוויסט אויסער זיין ווייב האט ער דערפון דערציילט. און האט איהר געזאגט אז אויב זי וועט איהם ניט זעהן ביז און דער אויסגיזעצטער שעה זאל זי איהם וויסען דארט אויפען בוידעם צו זוכען. דען ער איז א סאך מאהל פאר חלשׁ׳ט געווארען ביים דאווינען. און מען האט איהם געמוזט מינטערין איבער דעם האט ער גימוזט איבער געבין דעם סוד צו זיין ווייב. און א סאך מאהל פלעגט זי איהם טרעפען ליגען אויסגעצויגען פערחלשׁ׳ט און זי האט איהם קוים גיקענט דערמינטערען. און אזוי פלעגט ער זיך צו פיהרען א לאנגע צייט:

**אמאהל** איז דער הייליגער „אוהב ישראל” א דורך געגאנגען דורך זיין שווערס הויז און האט זיך אב געשטעלט און האט געזאגט צו

די

די מענשען וואס זענען מיט איהם מיט געגאנגען. אז ער פיהלט זייער אגיטען ריח פון אגרויסען צדיק וואס איז דא און דעם הויז אז ער קען נישט אוועק געהן פון דאנען. האבען די מענשען גערעכענט אפשר איז דא א גרויסער צדיק וואס פאהרט א דורך און האט זיך דא אב געשטעלט. זענען זיי אריין געגאנגען און שטיב אריין און האבען געזוכט צווישען די אלע אורחים וואס זענען דאמאלסט דארט געוועזען. אבער זיי האבען נישט געטראפען אזוי א מענש וואס דער רבי זאל קענען האבען געמיינט. זענען זיי צוריק ארויס געגאנגען און האבען דאס געזאגט דעם היילigען „אוהב ישראל״ און זיי זענין פון דארט אוועק געגאנגען און האבען ניט געוויסט ווער דאס איז און אויף דעם צווייטען טאג האט זיך ווידער געטאפען אז דער „אוהב ישראל״ איז געגאנגען דורך דעם הויז פון דעם „יוד הקדוש׳ס״ שווער. האט ער ווייטער דער שפוהרט אזוי אגיטען געשמאק. און די חסידים זענען ווייטער אריינגעגאנגען און שטיב אריין זוכען אבער זיי האבען ווייטער קיינעם נישט געטראפען וואס דעם רבינ׳ס כוונה זאל זיין אויף איהם. אויף דעם בעל הבית איידעם איז קיינעם נישט איינגעפאלען צו קלערען אז דער רבי זאל איהם מיינען דען זיי האבען געוויסט אז ער איז א מתנגד און עס איז זיי גאהר נישט איינגעפאלען אז דער רבי זייערע זאל איהם מיינען דאס ער איז א צדיק ער זאל איהם פערשמעקען און זיי זענען ארויס געגאנגען פון שטיב און האבען ווייטער געזאגט אז זיי האבען קיינעם נישט געטראפען אז דער רבי זאל איהם קענען מיינען און זיי זענען ווייטער אוועק געגאנגען. און אויפ׳ן דריטען טאג איז שוין דער היילigער „אוהב ישראל״ אליין געגאנגען דארט אהין זוכען וואהרען עס איז נישט מעגליך אז ער זאל זיך אזוי איינגאנצען אבנארען נאר עס מיז דא זיין עפיס א בעהאלטנער צדיק. און ווי ער איז דארט אריין געקומען און האט אהן געהויבען צו זוכען. און דער יוד הקדוש איז דאמאלס געוועזען אויפ׳ן בוידעם און ער האט פערשטאנען אז דער „אוהב ישראל״ איז אליין געקומען זוכען. וועט ער איהם א וודאי געפינען און עס קען נאך דער פון מענשען געוואהר ווערין איז ער שטילע הייט אראב געגאנגען פון בוידעם און איז צו געגאנגען צום היילigען „אוהב ישראל״ און האט איהם געזאגט איך בעט אייך זייער איהר זאלט אויפהערען צו זוכען און אויך איהר זאלט מיך פאר קיינעם נישט אויסגעבען. איז דער רבי א וועק געגאנגען און האט קיינעם נישט דער פון דערציילט און אויך דער „יוד הקדוש״ האט גאר ניט משנה געוועזען זיין פיהרעכץ פון פריהער און האט זיך מיט דעם היילigען

היליגען „אוהב ישראל" קיין שום בעקאנטשאפט נישט געמאכט. און עס
האט ווייטער קיינער נישט געוויסט פון זיין גרויסקייט:

און דער שטאדט אסטראָווצע וואס איז דרייסיגהאלבען מייל פון אפט האט
דער „יוד הקדוש" געהאט א חבר א יונגער מאן וואס איז אויך געוועזען
א גרויסער גאון און אויך א חסיד ער איז געפאָהרען צום היליגען נעסכיזער
רביין ר׳ מרדכי זכרונו לברכה. און פאר זיין חבר פלעגט ער אלעס צו
דער ציילען. און איינמאהל און דער וואך פלעגען זיי זיך צו זאמען קומען
אויף א ארט און האבען זיך אדורך געשמועסט אלע זאכען וואס זיי האבען
אויף געטוהן אין לערנען און נגלה און נסתר. און אזוי האבען זיי זיך
געפיהרט אלאנגע צייט איין וואך איז דער „יוד הקדוש" געגאנגען צו זיין
חבר קיין אסטראָווצע און די צווייטע וואך איז זיין חבר צו איהם געקומען
קיין אפט אין קיין אנדערע זאכען האבען זיי צווישען זיך נישט גירעדט
נאהר אין לערנען:

איינמאהל איז דער „יוד הקדוש" געקומען צו זיין חבר קיין אסטראָווצע
נישט און דער צייט וואס זיי האבען זיך גיפלעגט צונויף צו
קומען. און זיין חבר ווי ער האט איהם דערזעהן ניט און דער גיהעריגער
צייט איז ער דערפיין זייער דערשראקען געוואָהרען. און האט איהם גיפרעגט
וואס איז דיר גישעהן וואס די ביסט א הער געקומען ניט און דער צייט
וואס מיר האבען אויס גיזעצט. עס איז א וודאי ניט אומזוסט. דען ער האט
געוויסט אז ער איז ניט מבטל קיין שום צייט אויסער זייער אויסגעזעצטע
צייט וואס זיי פלעגין זיך צונויף קומען. און ער איז מיט איהם געגאנגין
און דעם חדר ווי זיי פלעגין זיך אלע וואך צונויף קומען. האט איהם דער
„יוד הקדוש" געזאגט איך האב גילערענט די וואך אז און הימעל נעמט
מען קיינמאהל ניט צו דעם צדיק פון דער וועלט. ווייל נאך וואס זאל מען
איהם ניט לאזען דינען השי"ת. נאר אז מען וויל איהם צו נעמען פון דער
וועלט. ווייזט מען איהם א גרויסע מדרגה און דער צדיק בעקומט שטארק
חשק דער צו. נאר ער ווייסט אז כל זמן ער וועט זיין אויף דער וועלט און
גוף וועט ער ניט קענין דערגרייכען די גרויסע מדרגה. בעט ער אליין
השי"ת אז ער זאל איהם צו נעמין פון דער וועלט. כדי ער זאל קענין
צו קומען צו דער גרויסער מדרגה. און יעצט מיין טייערער חבר דאכט
זיך מיר אז איך בין געקומען צו דער מדרגה. נאר איך האב מורא אויב
איך נאר מיך ניט חלילה. דריבער האב איך מיר מיישב גיוועזען אז עס
איז ניט דא פאר מיר קיין אנדערע עצה נאר צו פאָהרען צו איין צדיק

הדור ער זאָל מיר ערקלערין דעם אמת ווי איך האַלט צו איך נאַר מיך ניט אָב חלילה:

**האט** איהם זיין חבר געזאָגט הער מיך אויס וואָס איך וועל דיר זאָגען חאָטש איך פאָהר דאָך צום היילינען נעסכיזער פון דעסט וועגין צו דיין זאַך וואס די דאַרפסט. דאַכט זיך מיר איז בעסער צו פאָהרען צום היילינען רבי׳ן פון לובלין דער „יוד הקדוש" האָט זיך מיט איהם גיזעגינט און איז צוריק אַ היים געקומען קיין אַפּט. און ווי ער האָט זיך און דער פריה אויף געהויבען איז ער געגאַנגען אין בית המדרש אַריין און האָט גיפרעגט די יונגע לייט וואס פאָהרען קיין לובלין צו עס איז דאָ אַ געלעגענ־הייט קיין לובלין צו עס פאָהרען חסידים אויף שבת. דען ער וויל אויף פאָהרען אויף דעם היינטיגען שבת צום רבי׳ן קיין לובלין. און ווי זיי האָבין דער הערט האָבען זיי זיך זייער גיפרייט דען זיי האָבען איהם שוין פיהל מאָהל גיבעטען ער זאָל פאָהרען צו אַ רבי׳ן און יעצט וועט ער אַליין פאָהרין און זיי האָבען גירעכענט אַז אַזא גאון אויב ער וועט אויך ווערען אַ חסיד וועט ער מיט דער צייט אַרויס וואַקסען אַ גרויסער צדיק. און חאָטש זיי האָבען ניט גצוויפסט פון זיין גרויסע מדרגה האָבען זיי זיך שטאַרק גיפרייד אויף זיין פאָהרען צום רבי׳ן קיין לובלין:

**און** דעם שבת איידער דער „יוד הקדוש" איז געקומען קיין לובלין האָט האָט דער היילינער רבי פון לובלין געזאָגט ביי דעם טיש איך האָב געבעטען אַז השי״ת זאָל מיר מגלה זיין ווער עס וועט איבער נעמען די חסידים נאָך מיר זיי צו פיהרען און השי״ת׳ס וועג האָט מיר השי״ת מגלה געוועזען אַז עס וועט צו מיר קומען איינער וואָס ער וועט הייסען דעם זעלבען נאָמען ווי איך. ער וועט פיהרען די חסידים און השי״ת׳ס וועגען און וועט זיי לערנען צו דינען השי״ת בקדושה וטהרה. און די אַפּטער חסידים האָבען געדינגען אַ ספּיציעל וועגעלע לכבוד דעם חשוב׳ען יונגערמאַן וואָס וויל מיט פאָהרען און אויף זענען מיט געפאָהרען עטליכע גרויסע חסידים זיי זאָלען זעהן ווי אַזוי זייער רבי וועט אויף נעמען דעם נייען חסיד. און ווי זענען געקומען צום רבי׳ן קיין לובלין און דער „יוד הקדוש" האָט נאָר אַרויף געשטעלט די פיס אויף דער שוועל פון היילינען רבי׳ן פון לובלינ׳ס חדר. האָט דער רבי געזאָגט די גמרא זאָגט „וכבר צווח אנא השם ונשמע קולו כו׳" וכבר איז טייטש פיהל מאָהל מיינט מען אַז מען דאַרף פיהל צו בעטען השי״ת ביז מען זוכה אַז השי״ת זאָל איהם הערין. האָט דער „יוד הקדוש" דער פון פערשטאַנען אַז ער מיינט דאָס איהם וואָס ער האָט גירעדט

גערעדט מיט זיין חבר פון אסטראָווצע פון דער מדרגה וואָס איהם האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט דערגרייכט. און ער איז דער פון שטאַרק בעגייסטערט געוואָרען:

און דער הייליגער רבי פון לובלין זכרונו לברכה האָט זיך אויף געשטעלט פון זיין שטוהל און איז אַ קייגען געלאָפען דעם „יוד הקדוש" און האָט איהם מיט אַ פריילעך פנים גיגעבען שלום עליכם. און האָט אים אַרום געחאַפט מיטביידע הענד און האָט איהם דערלאַנגט אַ שטוהל ער זאָל זיך זעצין און האָט איהם געזאָגט יישר כחכם וואָס איהר זענט יעצט צו מיר גיקומען דען ווען איהר זאָלט צו מיר ניט גיוועזען יעצט געקומען ווער ווייסט וואָס מיר וואָלט גיוועזען פון גרויס בענקשאַפט וואָס איך האָב געהאַט אייך צו זעהן. דען פון הימעל האָט מען מיר געזאָגט אַז דער מענש וואָס וועט פיהרען די חסידים און השי"תים וועג נאָך מיר וועט די טעג קומען צו מיר און ער וועט הייסען גלייך אַזוי ווי איך דעם זעלבען נאָמען. און היינט און דער פריה איידער איהר זענט געקומען איז דאָ אַריין געקומען אַ מענש וואָס ער האָט געהייסען דעם נאָמען ווי איך און ער האָט זיך אויסגעוויזען ווי אַ חסידישער מענש און ווי איך האָב איבער גיטראַכט אַז דאָס איז דער מענש וואָס די חסידים ווילען פון איהם לערנין השי"ת צו דינען און גייען און זיינע וועגען איז אויף מיר געפאַלען אַגרויס פינסטערניש. אַז איך האָב נישט געקענט אויף די פיס דערשטיין פון דעם עגמת נפש וואָס איך האָב דער פון געהאַט און יעצט איהר זענט געקומען האָט איהר מיך בערוהיגט און געליובט איז השי"ת וואָס איך האָב אייך זוכה געוועזען צו זעהן און איך זעה אַז איהר זענט ראוי דער צי צו זיין דער יודישער מנהיג. און די אַפטער חסידים האָבען דאָס דערהערט וואָס דער הייליגער רבי פון לובלין האָט אויף איהם געזאָגט. האָבען זיי הערשט פערשטאַנען אַז ער איז ביז אהער געוועזען אַ בעהאַלטענער צדיק און ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַר זיי אויסגעבען. זכות הצדיקים יגן עלינו אמן: